# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

אכטער יאָרגאנג — יוני 1947 לאָנדאָן — נומער 6 (העפט 89)

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

צו דער ערשטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון „פריינט פון יידיש-לשון", זונטיק דעם 8טן יוני — ** .. .. 1
די כנסת ישראל רעדט צו די ספרים און ביכער — משה עובד 6
חיים סוטין (עסיי) — לעאָ קעניג .. .. .. 8
אַלפּן-בערג (פּאָעמע) — שלמה וואָרזאָגער .. .. 14
אין דער פרעמד (דערציילונג) — קיטי בראון .. .. 15
איידער ס'נעמט דאָס ליכט פאַרגיין (ליד און סאָנעטן) — יוסף הלל לעווי .. 20
די פרעסע און אירע אויפגאַבן (עסיי) — אליהו פּאַלושאַק 23
דער זיווג (ליד) — ס. פּאַלמע .. .. .. .. 26
ל. בערסאָן, דער קינסטלער און גרינדער פון בן-אורי — י. ביעטש 27
מאַמע (ליד) — אברהם פנחס ציקעפט .. .. 30
לאַנג לעבן זאָלן שיינע ווערטער (איבערלעבענישן) — משה עובד 32
זומער ליד (ליד) — ש. זאַלקין .. .. .. .. 34
סאָנעטן טריפּטיך, קאָנסטעלאַציעס... (לידער) — א. נ. שטענצל 36
אויפן ראַנד פון אַ מצבה (רעצענזיע) — זיינוויל דיאַמאַנט 41
פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער — ד"ר יעקב מייטליס 46
ל. ש. קרעדיטאָר (איבער זיין דראַמע „בראשית") — נ. ש. .. 53
די יידישע פרעסע אין די באַפרייטע לענדער — יוסף פרענקל 55
אָפענער בריוו צום „אַקטינג" טשיף-רבי — דוב וואַרשאַווסקי 58
יובילעאום-פייערונג (באַריכט) — א. פּאַלושאַק .. .. 62
ידיעות פון דאָ .. .. .. .. .. .. .. 64
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס .. .. 64

פרייז 1 שילינג

אבאָנעמענטס-פרייז: —13/6 פאַר אַ יאָר;
אין אויסלאַנד: —3 דאָלאַר אַ יאָר
1/3 פאַר אַ פּראָבע נומער

אַדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן", נאַראָד-פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן א. 1.

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

ס. און ב. פּלאַסטיקס לטד.
פאַבריקאַנטן און עקספּאָרטערס
21, BERWICK STREET,
LONDON, W.1
*Telephone:* GERARD 7543

אונדזערע הארציקסטע ברכות
די פריינט
ה. מ. נאַטעל און פרוי
צום געבורט פון זייער זונדעלע,
רבקה און זיינוול דיאַמאַנט זשענעוו.

ניי-יידיש טעאטער
פאלקס הויז (בית עם לטד.) אדלער סט., א.1
דירעקטאָריום: וו. קאָסאָף, ה. רייפעלזאָן, מרס. שאַפּירא.
טשערמאַן: מ. ביטלער. אָנפירונג: א. מייזעלס. האָנ. סעק.: א. ביטלער.

מאיר צעלניקער
און די פאַריזער שוישפּילער
מרים קאַראַלאַווא און לעאָן בלומענזאָן
צוזאַמען מיט די שוישפּילער לויטן א"ב:
פרויען:— אנא בוים, שוועסטער טענטלער, קלאַרא מייזעלס, מעטא סעגאַל, אנא צעלניקער, איידא שערמאַן, מיני שערמאַן.
מענער:— מאָררים אַקסעלראָד, מאַקס בוים, פּאול גאָלדשטיין, הערמאַן טונים, דוד סעגאַל, א. פוקס, יאָזעף שערמאַן א.א.
מוזיק דירעקטאָר: פהיל בערנשטיין. בינע מענעדזשער: זשאַק טשעפּל

יעדן אָוונט פאָרשטעלונג (פרייטאָג געשלאָסן)
שבת און זונטאג מאַטינע 3 בייטאָג
אָוונט 7.30

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

## צום יובילעאום קאמיטעט

טייערע פריינט!

איר מוזט מיר מוחל זיין, וואס כ'האב דאס בוך „אויפגעבראכענע יארן" נישט פערטיק געמאכט צום אפגערעדטן טערמין — אויב דאס וואלט געשען און דאס בוך וואלט פערטיק געווען דעם 9־טן מאי, וואלט דער הייניטיקער נומער „לשון און לעבן" נישט געקאנט דערשיינען. און איך האלט פאר וויכטיקער דאס נישט אונטערברעכן די רעגלמעסיקייט פון אונזער זשורנאל ווי פארשפעטיקן דעם „זשעסט" פון א יובליאום אויסגאבע.

נישט חלילה, אז איך שעץ גרינג אייער מתנה, וואס איר מאכט מיר מיט דעם בוך, אבער געדרוקטע לידער זיינען אפגעבראכענע הערשן־הערנער, וועלכע ליגן שוין צעשפרייט אין וואלד צווישן די ביימער און מ'מוז זיי נאר צונויפקלויבן.... דעם הערש איז אבער מער ניחא צו הערן דעם קלאנג פון זיינע הערנער, ווען זיי ברעכן זיך נאך צווישן די שטאמען, אראפברעכנדיק מיט זיי די טרוקענע צווייגן.... ענטשולדיקט מיר דעם שטאלצן פארגלייך; ס'איז אייער שולד מיטן קרוינען מיך צום „יובילאר"!

סוף כל סוף, זעט איר, האט איר דאך אייערם דערגרייכט: איך האב דאך א שטיקל הנאה פונם גאנצן גערודער! אבער איך וויל דאך ליבער שטיין ביים „רודער", נישט אפלאזן אים, בכדי דאס שיפעלע אונזערס זאל נישט שטעקן בלייבן, חלילה, אין אונזער פוילע וואסערן דא. ווארים אזוי איז עס שוין מיר אריין אינם בלוט, אז יעדער געלונגענער שבת אונזערער איז א גרויסע יובל־פייערונג ביי מיר, און יעדעם פריש געשריבענע ליד מיינס אינם ניי־דערשינענעם זשורנאל איז מיין גאנץ לעבנס ווערק!

און איז דען נישט דאס די איינציקע טרייסט נאך אין יובילעאום־פייערונגען, וואס נאך אלע געמאכטע הספדים קאן מען נאך אליין אויך אויפשטיין און זאגן, וואס מ'האט צו זאגן?....

אונזער פריינטשאפט באשטייט אין אונזער רעגלמעסיקער שותפותדיקע ארבעט! און לגבי דעם איז דאס דערשיינען פונם בוך נאר א מאמענטאנער אויסדרוק, צו איינעם פון די באטייליקטע. און אויף וויפיל עס וועט נישט זיין לעול און קיין שטער אין דעם סדר פון דער אנגייענדיקער רעגלמעסיקער ארבעט, וועט דאס בוך אלץ פריער דערשיינען.

מיט נאנטקייט, אייער

**א. נ. שטענצל**

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

אכטער יארגאנג | יוני 1947 לאנדאן | **נומער 6** (העפט 89)


## צו דער ערשטער אלגעמיינער פארזאמלונג פון פריינט פון יידיש לשון — זונטיק דעם 8־טן יוני

1

אין א ישוב וואו דאס יידישע קינד ווערט דערצויגן אין א נישט־יידישער שול און די יוגנט לעבט זיך אוים אין דער אטמאספערע צווישן ווארשטאט און קלוב, מחוץ פונם טאטע־מאמע־הויז, — און אז דער צושטראם פון נייע עמיגראנטן איז זייער א שוואכער, איז די היימישע שטוב אויך שוין נישט דאס וואס געווען! — ווערט דאס לעצטע ביסעלע רירעוודיקע ענערגיע פארוואנדלט, נישט אין א רואיקע אינערציע, נאר אין א פארגליווערטע סטאגנאציע. אין אזא ישוב איז ממילא קיין דעת הקהל נישט פאראן און קיין עפענטלעכע מיינונג אודאי און אודאי נישט.

היינט דער, מארגן דער, שרייט זיך אראפ פון הארצן זיין קול קורא במדבר און עולם כמנהגו נוהג: דער נייער דור ווערט דערצויגן אן יידישקייט און אן יידישע קולטור. די אפאראטן פון פונקציאנערן און אפישלס, פון „פריינדלי סאסייאיטים" און שול־„קאלעקטארס", פון אנגעשטעלטע ארבעטער און כלל־טוער ארבעטן נאך, אבער נישט בכדי אויפצוהאלטן די גייסטלעכע און די געזעלשאפטלעכע מוסדות, די פארטיי אידעאלאגיעס, נאר בכדי „ברידער"־און פאראיינס פאנדן זאלן בלייבן גאנץ און די געהעלטער זאלן אויסגעצאלט ווערן. און ס'ביסל זאק־רויב וואס ווערט צעטיילט צווישן די קארפן־קעפ, ממש מיט מעסער שטעך, איז אלץ נאך דאס ביסעלע כבוד.. אבער ווייל ס'איז אריין אזוי אומבכבודיק אין דער „שוסטער־גאס" אריין, איז א געפאר אז צו דעם ביסעלע וועט אויך א סוף קומען — „וסוף הכבוד לבוא"!

יענע „געהיימע אגענטן", וואס האבן דערפירט צו דעם צושטאנד, פארען זיך ווייטער, אז דער צושטאנד זאל בלייבן, נעמענדיק שוין פאר א באווייז, פאר א פאקט דעם קלאגנדיקן מצב פאר זייער מנוולדיקער טעטיקייט. און די קינדער און די קינדס־קינדער פון יענע „אכלו בוסר" ווייזן זייערע אייליקע ציין! און אפפאל און פאראט און סאבאטאזש וואקסט ווי אומקרויט ווי קראפעווע, צו דערשטיקן די לעצטע נעוויקסלעך, וואס וואגן נאך די קעפלעך אויפצוהויבן.

די טאַקטיק פון די „אַגענטן“ איז קודם־כל נישט צוצולאָזן דאָס ווערטפולע און וויכטיקע און צו דערהויבן דאָס נישטיקע און געמיינע און אַזוי אַרום ממיתן זיי מיט איין „העלדישן“ קלאַפּ ביידע פליגן: אי זיי ווערן די גרויסע דעה זאָגער, און אי די פאַלשע־טרערן־באַקלאָגער פון אַ טויטן דעת הקהל.

איז אַ וואונדער, ביי אַזאַ מין מצב, אַז אין אַ ישוב פון קנאַפּע 400,000 טויזנט יידן, קיין עין הרע, מיט אַן אָנגעזעענעם נישקשהדיקן האָראַפּאַשנעם טייל און פּראָלעטאַריער, איז קיין איין יידיש־וועלטלעכע שול נ שט פאַראַן? און אַ קאַפּיטאַליסטישע לאַנד, וואו דער יידישער מיטל־קלאַס איז גוט סיטואירט, וואו רעליגעזע דערציאונג קאָסט אָפּ די קהלה אַ יאָר אין די הונדערטער טויזנטער פונטן, „לייענען“ די „נייטיווס“ אָפּ דעם קדיש, אָן אָנגעשריבענעם מיט לאַטיינישע אותיות? און דאָס זיינען שוין די „גוטע קינדער“, וואָרים די אַנדערע באַווייזן זיך שוין לגמרי נישט אין אַ יידישן מקום קדוש. . . .

מיר, די פּאָר יחידים, וואָס גייען אָן דאָ אין דער יידישער גאַס אונטערן נאָמען „פּריינט פון יידיש לשון“, האָבן נישט דעם גרויסן אַפּאַראַט, דאָס קונציקע כלי־זיין דעם גלית הפלישתי גויאַץ אַנידערצולייגן, אָבער מיט אונזער צילנדיקן יידישן וואָרט האָבן מיר אים אין זיין חוצפּהדיקן מעשענעם שטערן אַריין געצילט און — געטראָפן! די הייליקייט פון דעם לייִדיקן שטערן האָט אָפּגעקלונגען אין אַלע אויערן. . . . און דעם שטיין וואָס איז געפאַלן אין דער שימלדיקער סטאַגנאַציע אַריין באַמיען זיך שוין אַצינד צען חכמים אים אַרויסצונעמען. . . .

זיבן יאָר זיינען מיר געשטאַנען ביי די טירן פון אַלע פאַרזאַמלונגען און אסיפות מיט אונזער יידישן וואָרט, אַז די ערד האָט זיך אונטער זייערע פיס געעפנט אייגעזונקען צווערן פאַר חרפה. דאָ אין לאָנדאָן, ווער וואַגט עס? ! זיינען זיי פינסטער געוואָרן ווי די ערד — — אָבער די אַסימילאַציע מכל המינים אַצינד קוקט שוין נישט מער אַראָפּ מיט ביטולדיקן סערקאַזם אויף אונז! אָ, זייער זיכערער שטאָלץ איז געבראָכן געוואָרן — — — —

און די אָפּיסערס מיט אַפּאַראַטן און פאָנדן האָבן זיך גענומען שרעקן מיט דער רעגלמעסיקייט פון אונזער אַרבעט: יעדן שבת די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס — שומו שמים, יידישיזם פאַרנאַרט די יידישע גאַס! יעדן חודש אַ יידישער זשורנאַל — און מיר האָבן געמיינט יידיש איז שוין טויט און מיר קאָנען אויך שוין רואיק שטאַרבן! אָ, די אייזערנע רעגלמעסיקייטן! — ווי די טיטוס־פליג האָט זי געהעמערט אין זייערע פאַרשלאָפענע מוחות: „וואַכט אויף יידעלעך צו עבודת הבורא“, „כי העבודה היא חיינו“...

אָבער, אַז עס הויבט נאָר אָן צו ווערן יידישלעך צוריק אויף דער יידישער גאַס איז שוין קיין געפאַר מער נישטאָ — נאָך איז יידיש דער איינציקער מעדיום פאַר יידישקייט! פאַר „מעמבער קאָנטריביושאָנס“ געניגט „רעסיט“־צעטלעך, אָבער טומלעז אויף דער יידישער גאַס מוז מען שוין



מיט „עונג־שבת“, „מלוה־מלכה׳ס“, „קאָרטן־און גאַרדן־פּאַרטיעס“... גיי קיצל יידן מיט גויאישע וויצן, אַז עס לאַכט זיך נישט! נו, מוז מען דאָך שוין האָבן לכל הפחות אַ יידיש קאָנפראַנסיע בלע״ז. און אַז די „חסידי אומות העולם“ באַווייזן זיך וואָס וויניקער וועלן ממילא אויך די יידישע רעדנער זיך אויפהערן צו ברעכן די צינגער מיט גויאישע „ספּיטשעס“.

אָ, יידיש מיט יידישקייט האָט נאָך אַ גאָר גרויסן סמיכת הפרשיות! אַלענפאַלס אויף אַזויפיל, אויף וויפל ס׳הערט אויף יידיש, הערט אויף יידישקייט. (דעם אינסטינקט האָבן אפילו „די קאָכלעפל“, ווען זיי דערזעען, אַז אין דער שיסל ווערט וויניקער...)

2

לויט אַ סטאַטיסטישע ציפער, — וואָס איך האָב דוקא באַקומען פון אַ רעליגעזן דערציער, — זיינען פון די אַמעריקאַנישע יידישע קינדער, פון די 20%, וועלכע באַקומען בכלל אַ יידישע דערציאונג — 10%, די קינדער פון די יידיש וועלטלעכע שולן. דאָס הייסט: אַז דער כוח המושך פון יידיש אַליין איז אַזוי שטאַרק ווי דער חדר, די תלמוד תורה, די ישיבה־קאָלעדזש, מיט כל המינים היברו־ און רעלידזשען־קלאַסן שוין אַריינגערעכנט. און אין די אַלע אויסגערעכנטע נעמט נאָך יידיש אויך אַ גרויסן אָנטייל.

פון דעם פריידיקן איז אָבער אויך לייִדער געדרונגען, אַז אין אַ קיבוץ פון קאָמפּאַקטע מאַסן און פון אַ שטאַרקן און שטאָלצן נאַציאָנאַל באַוואוסטזיין, גייען אַלענפאַל 80 פּראָצענט פאַרלוירן פאַר יידיש און יידישקייט. אפנים, אַז „עם ישראל חי“ מיינט, סוף כל סוף, נאָר אַרויסראַטעווען אַ קומענדיקן פרישן דור, — אַ שארית הפליטה! — פון גייסטלעכן און גייסטיקן קבורת חמור. . . .

אָ, הלואי זאָלן מיר פונם אַסימילאַציע־זעלבסט־מאָרד, פון דעם אַליין זיך וועלן אַ מעשה אָנטון אַזויפיל יידישע לעבנס אַרויסראַטעווען ווי פון די שייטער־הויפנס און קרעמאַטאָריומס.

וואָס ווייסן מיר ווי אַזוי ס׳איז דער וועג וואָס פירט צו אומשטערבלעכקייט! אפשר מוז זיך דער מיד געוואָרענער וואונדער פויגל פעניקס אַליין זיך וואַרפן אין די פלאַמען, בכדי אויפסניי אַרויסצופלאַטערן פונם פייער אַ דערפרישטער און פאַריונגטער — מיט זיינע לעצטע כוחות טוט ער עס, איידער זיי גייען אים אינגאַנצן אויס. . . .

אונזערע נצחונות לאָזן מיר שוין איבער אין די ערלעכע און געטרייע הענט פון דער מוטערל געשיכטע, וואָס וועבט אונז יעדן איינעם איין „אַ פעדעמל אינם געוואַנט, וואָס גייט אונטערן נאָמען ייד“. מיר מוזן אָבער אויך קענען גלייבן, אַז מיר זיינען נישט נאָר אַן אומשטערבלעך פאָלק, נאָר אַז מיר שאַפן אויך אייביקע קולטור ווערטן; אַז מיר ווערן נישט רק איבערניצעוועט פון לינקס אויף רעכטס און פון רעכטס אויף לינקס. . . . אַז אָך און ווי וואָלט שוין געווען אָנצוגעהערן צו אַזאַ, מ׳שטיינסגעזאָט, פאָלק, וואָס זיינע 2000 גייסטלעכע און גייסטיקע שאַפונגען זיינען נאָר געווען מכוח

אַל הפּועל צודערהאַלטן בלויז דעם נאַציאָנאַלן סטאַטוס און ווי מיר שפּירן נאָר, אַז מיר דערגרייכן אים „דע פאַקטאָ“, זיינען מיר מבטל אַלע אונזערע גייסטיקע שאַפונגען כעפרא דארעאָ — — —

וואָלט דען אַזאַ באַגאַנגענער קולטור געשיכטלעכער ליגנט פון 2000 יאָר, מיט נוצלעכע תלמוד־ספּעקולאַציעס, מיט תכליתדיקע קבלה־ספּירוטיאַליזם און מאָדערנע ליטעראַטור מאַכערייקעס נישט ערגער געווען ווי קרעמאַטאָריום און זעלבסט־מאָרד?

פאַר אונז וואָס דער זיכערער און באַוואוסטער המשך אונזערער איז דער אינערלעכער כוח המושך, זיינען די 2000 יאָר גלות געלייטערט און געפּולט מיט התגלות, וואָס נאָר אַ גרויס פאָלק קאָן דערגרייכן. און אין זכות פון דער אין־סופיקער שאַפונגס־פרייד און פונם גרויסן תכלית־לאָזן נסיון־גראַנגל ווערט אַצינד געבוירן אַ נייער דור — פון די פלאַמען ארויס פלאַטערט ער אויף, אָן עומד בנסיונדיקער.

מיר גלויבן אין דעם און מיר זיינען זיכער אין דעם! מיר ווייסן נישט אונזער געשיכטלעכן מאָרגן, זיין וואונדערלעכן אויפגאַנג, זיין הערלעכן אויסזען, אָבער מיר ווילן געטריי בלייבן דעם נסיונדיקן היינט, בכדי ווערט צו זיין דאָס קומענדיקע נסימדיקע.

און היינט, — „באשר הוא שם, — איז יידיש דאָס מעדיום פון יידישן שאַפן! הונדערטער יאָרן זיך אויסלעבן אין די יידישע ווערטער; זיי זיינען אָנגעפּולט מיט אונזערע שאַפנדיקע געהירן און מיט אונזער פאַרגאַסענעם בלוט. און אַסאָציאַציעס זיינען די עמבריאָנען פאַר ווייטער לעבן — עס איז דער כוח המושך וואָס טראָגט אין די לענדן פון אונטער זיין גאַרטל דעם המשך!

יידישע ווערטער זיינען נישט אויסגעשאָקלטע פון אַ ספר ארויס, זיינען נישט אויסגעלערנטע זיך פון אַ ווערטער־בוך אַרויס; עס איז נישט פּילפּולדיקער סאָפיסטיק, אָדער מאַטעמאַטישער חשבון — עס איז דאָס נאַטירלעכע לעבן, וואָס טראָגט אין זיך ווייטערדיק לעבן, וואָס יעדער אויסראָטונג מיטל און זעלבסט־מאָרד פּראָבעס זיינען קינסטלעך און שטערבלעך.

אפילו דאָ אין אונזער סטאַגנאַזירטן און פּאַראַליזירטן ישוב איז עס נאָך דאָס טראָפּעלע יידישקייט און יידיש, וואָס זשיפּיעט זיין נאַטירלעכן זשיפּיען, אויף וויפיל אונזער קיבוץ דאָ איז נאָך נישט אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן.

די מיפּולע, אַרבעט פון „פריינט פון יידיש לשון“, וועלכע ליגט אויף די פאַרמאַטערטע פּלייצעס פון אַ פּאָר יחידים, וואָס זיינען עלטער געוואָרן מיט דער צייט און קיין יונגע כוחות קומען נישט צו איבערצונעמען, אָדער כאָטש זיך טיילן מיט איר און העלפן אין דער הייליקער עבודה לשמה — אָבער טראָץ אַלעם פאַרגרעסערט זי זיך, די אַרבעט, און פאַרנעמט אַלץ אַ בכבודיקן פּלאַץ אין אונזער ישוב און גרעסטן אָנזען — —



שיין קרוב 10 יאָר ווי די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס גייען אָן און פון אַ מתי־מעט פון אַ 2 מנינים צופעליקע יידן אינם „רידינג־רום“־צוהערער האָבן זי די י.ל.ש.נ. צעוואַקסן אין אָן רעגלמעסיקן עולם פון קרוב 200. און אַזאַ כמות, קיין עין הרע, צו פאַראינטערעסירן און צוזאַמענהאַלטן, פאַרלאַנגט אויך דער אָפּקלייב פון שטאָף מער אחריות אין כמות. און אויך ווערן אָפּט אַזעלכע י.ל.ש.נ. פאַראַנשטאַלטעט נישט נאָר בלויז אין שבת און נישט נאָר בלויז אין ווייטשעפּל. און פון דעם 8 און 16 זייטלדיקן העפטל איז אַרויסגעוואַקסן „לשון און לעבן“, — אַ זשורנאַל פון 64 זייטן און פון אָן אויפלאַגע פון 300 עקזעמפּלאַרן, צופעליק פאַרקויפט מיד ליד, — אָן אויפלאַגע פון 800 און מיט אַבאָנאַמענטן און אַנאָנסן. און די רעדאַקציע איז נאָך אַלץ אין דער בוזעם־קעשענע און די קולטור־פאַרברייטונגען ווערן געמאַכט ביים קאַפע טישל.

° °

דער יוצא לנו מזה — על רגל אחת צו אונזער ערשטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג:

אונזער אַרבעט איז פאַרגרעסערט געוואָרן, אָבער זי ליידט דאַדורך: וויכטיקע פאָסט אין לאַנד, און פון אַלע וועלט־טיילן, וואָס שרייבער און קולטור־אינסטיטוציעס זוכן פאַרבינדונגען מיט אונז, בלייבן נישט געענטפערט; און וואָס נאָך ערגער דאָס קולטור־פּראָגראַם און די אייגענע אַרבעט הייבט אָן צו ליידן.

אומבאַדינגט בין איך מסכים איצט מיט יענע פריינט אונזערע, אין דער נויטיקייט פון אַ פעסטן אַפּאַראַט און אַ זיכערן פאָנד; אַז די אַרבעט אונזערע זאָל נישט מיטאַמאָל צוזאַמענברעכן אונטער איר אייגענער וואָגיקייט און איבערגעלאָדנקייט, מוז זי געטראָגן ווערן פון אָן אַרבעטנדיקן קאָמיטעט — זיכער. אָבער די אַרבעט מוז אויף יעדנפאַלס אומבאַדינגט בלייבן בעיקר אַ וואָלונטערעשע, אָן אַוואַנגאַריסטישע, ניט קיין פאַראיינסמעסיקע, — ווייל יעדער ייד מוז זיין אַ פּאָטענציעל גליד פון אונז, אָן אבר פון לעבעדיקן יידיש גוף און מיר טאָרן קיינמאָל נישט ווערן בבחינת מיטגליד אָדער „מעמבער“.

אונזער אַרבעט, אַז זי זאָל האָבן אַ זכות הקיום אין אונזער ישוב און נישט ווערן סטאַגניזירט און פּאַראַליזירט ווי אַלע אינסטיטוציעס און מוסדות דאָ, טאָר זי נישט ווערן קיין תלויה בדבר פון אַפּאַראַטן און פאָנדן. מיר מוזן אויסהאַלטן צו זיין די רפואה פאַר דער מכת מדינה דאָ, בכדי מיר זאָלן זיין און עקזיסטירן, בכדי מיר זאָלן זיין לעבנספּעאיק און קאַמפּס פּעאיק — יאָ, אַז מיר וועלן בלייבן אמתע פריינט פון יידיש לשון, וועט די אַרבעט, ווי מיפּול און איבערלאָדן זי זאָל נישט זיין — אונז לייכט זיין און טייער זיין.

די אַקטיוויטעט וועט אונז שטאַרקן און יונג האַלטן, און פאַרגרעסערן די רייען פון די אמתע פריינט פון יידיש און פון יידישער קולטור, ווי אַקטיווע מיטהעלפער פון אונזער בשותפותדיקער און הייליקער אַרבעט.

## משה עובד

# די כנסת ישראל רעדט צו די ספרים און ביכער

איך ווייס פאַרוואָס איר ספרים און ביכער,
שטייט צו מיר מיטן רוקן,
איר קענט מיר ניט, ווי מיין טאָג איז נ י ט זיכער,
אין די אויגן אַריינקוקן.

ווייל מיין לעבן איז אַזוי צע'מזיק'ט, אַזוי צעבראָכן,
אַזוי פאַרנאַרט, אַזוי פאַרצערט,
גאָלדענע גליקן, האָט איר מיר פאַרשפּראָכן,
און זיך אויף דער פּאָליצע אַוועקגעשאַרט.

מ'האָט מיר אָנגעטון, אַלע מיתות משונות,
אפילו אַ טרייסט־וואָרט, האָט איר ניט געהאַט,
געזוכט אַ טרייסט־טרער אין סליחות, קינות,
אָבער אויסגעטריקנט, יעטוועדער בלאַט.

מיין קוואַל פון קוועל אין אייך אַריינגעוויינט,
דורות לאַנג פון אייך געשעפּט, מיינע פּינסטערע טרערן,
גאָט־פאַריתומט בין איך היינט,
דאָס עם־הספר, האָט קיין קינד צו פאַרהערן.

הייליג ספר! הייליג ספר! ווי קענסטו איצט שווייגן,
אין ארון־הקודש בלייבן באַהאַלטן, פאַרשלאָסן,
ווען ס'איז פאַרטיליגט, מיין שטאַמס צווייגן,
ווען ס'בלוט פון מיינע פּירות, איז אויסגעגאָסן?

אפילו מיינע פאַרוואָגלטע בלעטער, טוט מען יאָגן און פּלאָגן,
טאָ גיי ברעך אויף ס'ארון־קודש, שטורם די שערי־שמים,
פאַר וואָס זאָלן דיינע שונאים, שפּעטן און זאָגן,
דיינע פּים — טויטע קוליעס, ניט דער עץ־החיים.

איך האָב דיך געשמיט, דיר מיינע כוחות געגעבן,
אין אַן עת־צרה צו זיין, מיין פּאַנצער, מיין וואָפן,
אויב דו ראַטעוועסט ניט מיין כבוד מיין לעבן,
טאָ נאָכוואָס האָב איך דיך, אין גאַנצן באַשאַפן?



דו געדענקסט דאָך נאָך, ווי איך האָב דיך געליבט,
אויסגעקושט דיינע אויגן, קנייטשן און שוים,
איך אַליין בין געווען, היימלאָז, באַטריבט,
אָבער פאַר דיר געבויט, ס'שענסטע הויז.

אַ זיידן מאַנטעלע, דיר אויסגעוועבט,
מיט זילבער ווי פּערל, באַפּוצט, באַקרוינט,
פאַר דיינעטוועגן, געליטן, געלעבט,
און מיך האָט קיינער געשיצט, געשעצט, געשוינט.

דיין וואָרט איז געווען פאַר מיר אַמאָל,
פול מיט ווייך ווי ציונס־טרויבן,
אָבער היינט ווי איך: אַ געריגצלטע שאָל,
אויסגעטריקנט ס'זאַפט פון גלויבן.

אויך איר קלאַסיקער, אונטער שויב און שטויב,
געמיינט איך וועל אייך ניט דערקענען,
איר וועט זיך בלייבן ביים לעבן־און לויב,
און איך וועל, אין שנאה'ס פייער ברענען.

און אויך איר וואָס זיך געשפּילט, מיטן הייליקן וואָרט,
גערעדט צו אַ צע'ממית'ט פאָלק, ווי צו צעבראָכענע ליאַלקעס,
אוי וועט אייך וויי טון, במחילה דאָרט,
ווען איר וועט קריגן ל"ט מלקות.

טאָ ציטערט אַלע פאַרן יום־הדין,
איר וועט פאַר דעם אַלעם מיט צינזען באַצאָלן,
עס וועט אייך משפּטן, אַן ערוואַכט מענטשליך מין,
און אייך וואָר וועגן אויף יושר'ס וואָגשאָלן.

דאַן וועט איר אַוועקפליען ווי פון ווינט אַ שטרוי,
בלויז פון מיינס איינאיינציגן „אוי"!
ס'וועט נאָר בלייבן אַ מצבה, די אינצעקלאָפּעדיע,
פון מיין אונענדלעכער טראַגעדיע.

*　　*　　*

און ס'האָט אַ בת־קול, אַ שטילן סוד,
אין דער כנסת ישראל, טיף איינגערוימט!

— עס שיילט זיך שוין אויס אַ ליכט, דאָ און דאָרט,
אַ יהי אור, פֿאַר דיר איז שוין אויסגעטרוימט.

באַלד וועט עס באַלויכטן, ביכער און ספֿרים,
יעדעס אות אַ גאָלדן רינגעלע אין דער קייט,
באַלד וועסטו עס זען, שפּראָצן פֿון קבֿרים,
קוק אויס אויף שפּיץ פֿינגער! זיי גרייט!

## לעא קעניג

# חיים סוטין *

חיים סוטין איז אין ניינצען דריי און פערציק געשטאָרבן אין אַ שפּיטאַל ערגעץ אין פֿראַנקרייך. געשטאָרבן אין עלענד, פֿאַרגעסן און פֿאַרגלייכמעסיג יונג — ער איז קוים פֿופֿציק יאָר אַלט געווען. און ער האָט געהאַט אַ לויה. אמת גאָרניט קיין גרויסע לויה. צוויי קינסטלער — דער ייִד אַבערדאַם און דער שפּאַניער פּיקאַסאָ — זיינען נאָכגעגאַנגען זיין ארון. אָבער אין די יאָרן פֿון דער נאַצי אָקופּאַציע זאָל אַ ייִדישער קינסטלער שטאַרבן נאָרמאַל — מענטשלעך, אין אַ בעט איז פֿאַררעכנט געווען ווי אַ גרויסער גליק.

און מיט סוטינ׳ען איז אַזאַ גליק געשען; דער צופֿאַל האָט אַזאַ באַזונדערן גנאָד געטון סוטינ׳ען און ער איז געשטאָרבן מענטשלעך, נאָרמאַל און ניט אין אַ בעלסען, אַ בוכענוואַלד אָדער אַוועלכן ס׳איז אַנדערן נאַצישען גהינום.

ווער עס קאָן אַביסל כאָטש סוטינ׳ען און זיינע רויע, מיט בלוט טריפֿנדע מאַלערייען מוז באַזונדער, דאַכט זיך, אויפֿציטערן פֿאָרשטעלענדיק זיך נור דעם מאַלער סוטין אין אַ בעלסען. קענט איר זיך פֿאָרשטעלן דאַנטען אין דעם גהינום פֿון זיין וויזיע?

נאָך שוידערליכער, דאַכט זיך מיר, איז זיך פֿאָרצושטעלן דעם מאַלער סוטין אין אַ בעלסען: מיר האָבן געלייענט און געזען אַ פּאָר שטיקער דאָקומענטאַלע פֿילמען פֿון די נאַצישע קאָנצענטראַציע לאַגערן; און סוטין וואָלט געזען דאָרט דעם אַפּאָטעאָז פֿון דער גרויזאַמער, בלוטיק־רויער וויזיע אין וועלכער ער איז געווען געפֿאַנגען אַלס מאַלער.

ער וואָלט דאָרט „געלעבט“ און געגוססעט צווישן זיינע, אַזוי צו זאָגן „סוטינישע“ מאָטיוון. דער דיכטער־מאַלער פֿונם רויען, בלוטיק צופֿליישטן און צולייגטען לעבן וואָלט דאָרט געזען דאָס דינאַמיש און פֿאַרביק סוטינישע לעבן סטאַטיש און אש־גרוי ווערן — שטאַרבן.

סוטין דער ריינער מאַלער (מיט אַ גליהענדן פֿונק פֿון יחזקאל אפֿשר...) האָט געזען אין לעבן טויט — אין יעדן קאָפּ וואָס ער האָט געמאָלט האָט ער

* אין גימפּעלס גאַלעריע איז איצט אַ אויסשטעלונג פֿון סוטינ׳ס בילדער.



געזען דעם שיידעל, יעדן קערפּער אָפּגעשונדן, אָהן־הויטיק, געדערימדיק... און אַפילו אין יעדן לאַנדשאַפֿט און בוים האָט ער געזען דאָס סקעפּטישע...

סוטין האָט געזען און געמאָלט דעם לעבעדיקן טויט, דאָס פֿאָרמלאָזע, צוריסענע און צופֿליישטע אין לעבן, אָבער סוטין האָט באַלעבט מיט זיין וואונדערבאַרן קאָלאָריט מיט זיינע הייסע און ליכט שטראַלענדע פֿאַרבן דעם טויט. און אַפילו זיינע שטיל־לעבענס, די רויע זייטלעך פֿלייש, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט צו מאָלן, האָט ער באַלעבט מיט זיין בליהענדיקן, מיט לעבן־שוואַנגערענדיקן קאָלאָריט...

און „דאָרטן“ וואָלט ער געזען זיין לעבעדיקן בליהענדיקן טויט ביינעריק־קאַלט און אש־גרוי ווערן און אויף אַנ׳אמת שטאַרבן.

דעם טויט פֿון טויט וואָלט ער „דאָרטן“ געזען.

און אַ גרויסער חסד איז מיט סוטינ׳ען געשען און ער איז געשטאָרבן יונג אין דער אָקופּירטער פֿראַנקרייך אין אַ בעט, און ניט ווי די ווייניקער גליקליכע ייִדישע קינסטלער וואָס האָבן געלעבט און געאַרבעט אין פֿראַנקרייך ביז די נאַציס זיינען געקומען און זיי דעפּאָרטירט אַהין פֿון וואַנען זיי זיינען שוין מער ניט צוריקגעקומען.

ב

חיים סוטין איז איינער פֿון די באַדייטענדסטע מאַלער פֿון אונזער צייט בכלל, און איינער פֿון די טראַגישסטע מאַלער פֿון אונזער רויער, טראַגישער צייט. אפֿשר דער טראַגישסטער. און דער טראַגישסטער, ווייל איינער פֿון די רעאַליסטישסטע קינסטלער פֿון אונזער צייט. און ניט נור פֿון אונזער צייט. רעאַליסטיש ניט אין וועלכען עס איז אַקאַדעמישן און פֿאָטאָגראַפֿישן זין, ווי ס׳ווערט געוויינליך פֿאַרשטאַנען ווען מען רעדט פֿון רעאַליזם. ער האָט ניט געמאָלט קיין אַזוי גערופֿענע רעאַליסטישע שטייגער בילדלעך, וועלכע זיינען אין דער אמתן ס׳רוב אַזוי ניט לעבעדיק; ער האָט ניט געמאָלט קיין פֿאַרטרעטן, טיפֿען פֿון לאַנדשאַפֿטען „מיט אַלע פּישצעווקעס“ אָדער אַפֿילו לויט געוויסע „מאָדערניסטישע“ עסטעטישע טעאָריעס און פֿאָרמולאַס, וועלכע האָבן אויך אַזוי ווייניק לעבן. סוטין איז געווען אַ רעאַליסט ווייל ער האָט געמאָלט לעבן, בלויס און נאַקעט לעבן, ווי ער האָט עס געזען. אין יעדן מאָטיוו וואָס ער האָט געמאָלט האָט ער געמאָלט בלויז און נור דאָס צאַפּלדיקע, אַנימאַלישע... מענטשן, שטיל־לעבענס, קינדער און פֿרויען, קעכער, הענגענדיקע הינער, זייטלעך פֿלייש — אין זיי אַלע און אין דער נאַטור האָט ער געזען און געמאָלט דאָס עלעמענטאַר לעבעדיקע, דאָס ביאָלאָגיש־לעבעדיקע, וואָלט אַ ײד געזאָגט: בלוט און פֿלייש...

סוטין איז געווען אַ אמת׳ער רעאַליסט, אַ נאַקעטער רעאַליסט. אָהן אי־

לוזיעס — עסטעטישע צו מיסטישע — האָט אָט דער זון פון דער אָרימער ידישער ליטע געמאָלט לעבן, דעם רויען נאַקעטן תמצית פון לעבן, ווי ער האָט עס געזען מיט זיין ניכטער מאלערישן געמיט. דאָס וואָרט „נאַקעטקייט" פּאַסט זיך אפשר ניט צו סוטינ׳ען, ווייל דער באַגריף שטעקט צופיל מיט אולטראַ־ראַפינירטער פּאָזע פון מאַנכע מאָדערנע קינסטלער און דיכטער וועלכע צוכראַסטען זיך, טוען זיך אויס נאַקעט פסעוודא רעליגיעז און ניט אָן אַ געוויסער עסטעטישער קאָקעטישקייט פאַר זייער גאָט...

סוטין איז פּיסנע, ניכטער און ווי נאַקעט אין זיינע מאלערייען... איינער פון די מאָדערנסטע מאלער אינם קינסטלעריש רייכן פּאַריז איז ער דאָך געבליבן אַליין און וויט פון יעדער ציוויליזאַציע, פון סיי וועלכער עסטעטישער טעאָריע אָדער ריכטונג. אַ פול בלוטיקער רעאַליסט אָן סיי וועלכע ס׳איז אילוזיעס — קען נאָך זיין עטוואָס טראַגישער ?

אפילו דער פראַנצויז רואָ, מיט וועלכן סוטין האָט אַסך פאַרוואַנדשאַפט אין זייער גראָטעסקער וויזיע און קאָלאָריט, האָט אילוזיעס. רואָ איז אַ מיסטיק, רואָ איז רעליגיעז, איר פילט עס אין זיינע קאָמפּאָזיציעס, אין דער וויטראַזשען אַרטיקייט פון זיינע בילדער. רואָ איז רעליגיעז: ער דינט און בעט צו אַ קראַנקן, שטערבליך פאַרוואונדעטן גאָט... (און זיינע „קריסטוסעס" זיינען אַזוי איבערצייגענד).

סוטין גלויבט אין קיינעם און גאָרניט... ער קאָמפּאָנירט ניט. ער מאלט נור אַרויסגעריסענע, אַרויסגעפליקטע שטיקער בלוטיק, מיט לעבן צאַפּלענדיק לעבן... סוטין גלויבט, דאַכט זיך, נור אין מאלען... און ער איז טאַקע איינער פון די רייכסטע און זאַפטיקסטע קאָלאָריסטען פון אונזער צייט.

קיינע סאָציאַלע אָדער עסטעטישע טעאָריעס אָדער אָנצוהערענישען אין זיינע בילדער. בלויז שטיקער נאַטור, שטיקער רוי לעבן, אָבער אַזוי רייך און פאַרביק, און מיט אַזאַ רעמבראַנדישען כוח געמאלט, אַז זיי ווירקען אַזש, ניט אויסענזייענדיק עס, אָפּטימיסטיש. פון די אַלטע מייסטער האָט סוטין פיליכט אַממיינסטן געלערנט — ווי אַלע אמתע קינסטלער — מער אינטואיטיוו ווי באַוואוסטזיניק — פון רעמבראַנדן. סוטינ׳ס טונקעל־ליכטיקע ליינוואַנטן דערמאָנען אָפּט אָן רעמבראַנדן.

אָבער טעמפּערעמענטאַל איז סוטין, דוכט מיר, פאַרוואַנדט מיט דעם דייטש־יידישן אימפּרעסיאָניסט — מאַקס ליבערמאַן.

סוטין און ליבערמאַן — עס מעג אויסזען פּאַראַדאָקסאַל און צו געוואָגט צו ציען צווישן זיי אַ פּאַראַלעל ליניע, אָבער אין זייער ניכטערקייט און אַנטיראָמאַנטישקייט און מאַנגעל פון וועלכע ס׳איז סענטימענטאַלע באַציהונגען צו די אָביעקטן און מאָטיוון וואָס זיי האָבן געמאלט, זיינען סוטין און ליבערמאַן אַזוי פאַרוואַנדט...

דער אַלטער און בורזשואַ־זאַטער מאַקס ליבערמאַן האָט זיך געזאָלט באַרימען: „איך וועל אייך מאלען שמוץ און איר וועט לעקן די פינגער"...



סוטין האָט עס אויף אַנ׳אמתן געקענט טון.

מאַקס ליבערמאַן האָט באַוואוסטזיניק און אַראָגאַנט, קען מען זאָגן, געווייכט פון יעדן סענטימענט, וואָס האָט אים אויך אַזוי אונסימפּאַטיש געמאַכט צו די דייטשען, וועלכע האָבן ליב סענטימענטאַליזם אַפילו אין באַרבאַריזם...

אַפילו די פראַנצויזישע אימפּרעסיאָניסטן פון וועלכע ליבערמאַן האָט אַזוי פיל מאלעריש געלערנט, האָבן ניט געקענט אַנטלויפן פון סענטימענטאַליזם און פון „פּאָעזיע" אין זייערע מאלערייען. אַפילו ביי דעגאַסן, וועלכן ליבערמאַן האָט אַממיינסטן פאַרערט, פילט מען דאָס פערזענליכע — דעם ניכטערן און ברוגזן פראַנצויזישן סקעפּטיקער. ליבערמאַן איז אָבער געלונגען מער ווי דעם גרויסן רוב באַדייטענדע קינסטלער פון זיין צייט „גאָרניט צו זאָגן" אין זיינע בילדער; ניט אַריינצומישן זיך" אין די פאַרשידענע מאָטיוון וואָס ער האָט געמאלט. דאָס וויכטיקסטע איז פאַר אים געווען צו קענען מאלען און ווייזן זיין מאלערישע קראַפּט...

אָבער אויב ליבערמאַן איז געווען ניכטער אין די ראַמען פון אונזער ציוויליזאַציע, אַקאַדעמיש און באַוואוסטזיניק ניכטער און אָביעקטיוו, איז עס סוטין געווען פסיכיש... ער האָט געמאלט בלויז לעבן און געמאלט ווי אַ ניהיליסט און אַנאַרכיסט — ניט טעאָרעטיש אָדער אידעאָלאָגיש, נור ווייל ער האָט עס אַזוי געזען, ווייל דאָס איז געווען זיין וויזיע.

אָבער דער הויפּט אונטערשיד צווישן די צוויי ניכטערע מאלער איז אַ צייטליכער און סאָציאַלער.

מאַקס ליבערמאַן איז געווען אַ זון פון דער גרויסער יידישער בורזשואַזיע אין דייטשלאַנד (אַ באַנקירן־משפחה), אַ זון און פּראָדוקט פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע און פונם ליבעראַלן יאָרהונדערט. אמת, ער האָט געלעבט לאַנג גענוג (איבער די אַכציק) און ער האָט געזען דעם אָנפאַנג פונם סוף פון דער „גאָלדענער זאַטער צייט"... ער האָט געליטען פונם לעצטן קייזערס אַנטיסעמיטיזם, אָבער וואָס איז פיל טראַגישער פאַר אים געווען: ער האָט געזען דאָס אויפשטייגן צו מאַכט פונם היטלעריזם און פאַשיזם. אָבער אינגאַנצן באַלאַנגט ער דאָך צו די גוטע און זאַטע צייטן... און ער איז געווען אַלס מאלער דער ניכטערער און זאַטער בורזשואַ... אין זיין צייט איז ער געווען אַ רעוואָלוציאָנער אין דער דייטשער מאלעריי... אָבער אַ רעוואָלוציאָנער, קען מען זאָגן, פאַרשפּילעט אויף אַלע קנעפּלעך... אַ ניכטערער ראַציאָנאַלער בורזשואַ איז ער געבליבן אין זיינע בילדער מיט אַזאַ לייכטער סימפּאַטיע צום פאָלקס מענטשפויער פון אַרבייטער, וואָס ער האָט אפשר איבערגענומען פון איזראַעלסן.

און ווי אַנדערש איז דער סאָציאַלער הינטערגרונט פון חיים סוטין:

אַ קינד פון דער אָרימער ליטע און פון אָרימע יידישע עלטערן, זיין פאָטער אַ שניידער האָט אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ שוסטער, אָבער חיימל האָט ליב געהאַט פאַרבען ווי דאָס לעבן — ווי אַזוי אַ קינד פון אַ אָרים ליטוויש יידיש שטעטל און פונם גרויען ליטווישן לאַנדשאַפט ווערט עס געבוירן מיט

אַזאַ שכרות פאַר פאַרבען וועט אפשר פאַרענטפערט ווערן, ווען עס וועט בעסער אויסגעפאָרשט ווערן די אַנאַטאָמיע פון שאַפן — און מיט די געוועונליכע נסים וועלכע זיינען שוין אַזוי באַקאַנט פון די ביאָגראַפיעס פון יידישן קינסטלער קומט ער ווי עס איז אַן אין ווילנער קונסט אַקאַדעמיע... דעם ערשטן עקזאַמען פאַלט ער דורך... אָבער דערנאָך געלינגט אים, ווי עס איז, אויסצוהאַלטן דעם עקזאַמען... ביז ער קומט מיט נאָך גרעסערע נסים און מיט דער הילף פון אַ מעצענאַט קיין פאַריז...

ליבערמאַן האָט פון קיין נויט ניט געוואוסט, אָבער סוטין האָט עס שוין צוגוט געוואוסט פון הונגער, נויט און אַ קראַנקען מאָגען (פון וועלכן ער האָט ניט געקענט באַפרייט ווערן אַפילו ווען ער איז געוואָרן איינער פון די געשעצטסטע מאָדערנע קינסטלער אין פאַריז און דאָס האָט שוין געהייסן אויך אין אייראָפּע און אַמעריקאַ).

און אין אַן אַנדער צייט האָט שוין סוטין געלעבט. סוטין איז געוואָרן קינסטלער אין דער צייט פון צופאַלונג... פּאָגראָמען און נויט אין דער היים... און אין פאַריז און אייראָפּע די צופאַלונג פון אַלע געזעלשאַפטליכע און קינסטלערישע סיסטעמען און ריכטונגען... דאָס לעבן איז געוואָרן רוי... די ראָזעווע הויט איז אַראָפּגעצויגן, אָפּגעשונדן געוואָרן פון אונזער ציוויליזאַציע... אָן אילוזיעס... אָן אידעאַלען...

און סוטין דער צויבער מאלער פונם רויען צופליישטן לעבן איז געוואָרן איינער פון די אַנערקענטסטע מאלער אינם מאָדערנעם, קינסטלערישן פאַריז.

ג.

איך האָב געפּרובט אָנצייכנען די טעמפּעראַמענט פאַרוואַנדשאַפט צווישן סוטין און מאַקס ליבערמאַנען ניט אויסענזייענדיק דערמיט צו באַווייזן אָדער דרינגען זייער כאַראַקטעריסטישע „יידישקייט" אַלס קינסטלער... ניט דער ראַציאָנאַליסטישער ליבערמאַן איז יידישער פון די ליריש-פּאָעטישע יוסף איזראעלס אָדער לעוויטאַן לאָמיר זאָגן, און ניט פונם גלאַסענעם, „העלעניסטישן" אימפּרעסיאָניסט פּיסאַרא.

מאַנכע פראַנצויזישע קונסט־קריטיקער האָבן געפּרובט אויסגעפינען עפּעס ספּעציפיש יידישעס אין סוטינ׳ס „ניהיליזם", אין סוטינ׳ס רעוואָלט געגן פאָרמע און ליניע... (אַלע אַנדערע מאָדערנע קינסטלער זוכן נייע פאָרמען און ליניען...) אָבער דאָס זוכען און „געפינען" דעם ראַסען עלעמענט באַזונדער ביי יידן קינסטלער איז געוואָרן אַ צייט־קראַנקהייט פון וועלכער עס ליידט אויך אַ טייל פון די אייראָפּעאישע אינטעלעקטואַלן, וועלכע וואָלטן זיך באַליידיקט, ווען מען זאָגט זיי אַז זיי זיינען באַאיינפלוסט פון נאַצישע ראַסן־טעאָריעס. פון וועמען פון אונזערע מאָדערנע קינסטלער זיי זאָלן ניט שרייבן מוזן זיי גלייך זוכן — און טאַקע „געפינען" — דאָס כאַראַקטעריסטיש־יידישע אין זייער שאַפן...



אין שאַגאַלן זען זיי דאָס יידישע, אין סוטין דאָס יידישע, אין מאַדיליאַניך, אין עפּשטיינען.... אין פּרוסט און אין קאַפקאַן...

זיי מוזן רעדן פונם „אייביקן פאָלק", פונם מיסטעריעזן פאָלק, פון דער געטאָ א.אַז.וו. ווען זיי רעדן פון די און אַנדערע נייע און עלטערע יידן קינסטלער; אַזוי אַז אַפילו מיר וועלכע פלעגן אַמאָל אויך — כאָטש צוליב אַנדערע מאָטיוון — זיך גריבלען וועגן דעם כאַראַקטער פונם יידישן שאַפן, מוזן זיך וואונדערן אָפּט ווי אַזוי זיי געפינען עס דעם זעלבן יידישן עלעמענט אין אַזעלכע פאַרשידענע קינסטלער ווי ליבערמאַן און פּיסאַרא, איזראעלס און לעוויטאַן, שאַגאַל און סוטין, מאַדליאַני און עפּשטיין א.אַז.וו.

מיטן אויסנאַם פון שאַגאַלן, וועלכער איז פיליכט דער יידישסטער פון אַלע יידישע מאלער און קינסטלער און קען, גלויב איך, ווערן דער אָנפאַנג פון אַ יידישער מאלעריי, דער זיידע פון אַ יידישער פּלאַסטיק (ווען די צוקונפט פון אונזער פאָלק וועט ווערן מער וועניגער נאָרמאַל...) אָט ווי מענדעלע איז געוואָרן דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור, קען מען פּראָטאָטיפּן און טעמפּעראַמענט־פאַרוואַנדטע פון אַלע יידישע קינסטלער געפינען אין אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע קונסטן, ריכטונגען און קלימאַטען.

ד.

אָבער יידיש צי ניט יידיש, נור איינער פון די באַגאַבטסטע און עכטסטע מאלער וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן, און איינער פון די פיינסטע קאָלאָריסטען פון אונזער צייט בכלל איז חיים סוטין זיכער געווען און וועט עס בלייבן.

סוטין איז מאָדערן, כאָטש ער געהערט ניט צו קיין מאָדערנער קונסט ריכטונג, אין דעם זין וואָס ער איז אַ זון פון אונזער גרויזאַם טראַגישער, רויער, הויט־לאָזער צייט... ווי אַ קינד פון דער אָרימער יידישער פּראָלעטאַרישער ליטע, האָט ער עס געקענט (ניט אַריינפאַלענדיק אין נאָך אַ יידישער טעאָריע..) זיין מער ווי די אַנדערע קינסטלער פון אונזער צייט, וועלכע האָבן דאָך באָדען און אַרכיטעקטאַניק אין זייערע מאלערייען...

סוטין איז געווען בלויז מאלער. אָן אַ גלויבן, אָן אַ פאָלק, אָן אילוזיעס... אָן פאָרמען... סוטין איז אפשר דער אומגליקליכסטער מאלער געווען פון אונזער צייט (כאָטש ער איז געווען פאַר די לעצטע פאַר צענדליק יאָר איינער פון די דערפאָלגרייכסטע קינסטלער), פונקט ווי שאַגאַל איז אפשר דער גליקליכסטער יידישער מאלער וואָס מיר האָבן ווען געהאַט:

שאַגאַל איז דער גליקליכסטער קינסטלער (אויף וויפיל אַ שעפערישער מענטש קען זיין גליקליך...) ווייל ער איז אויך דער אָנפאַנג פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער קונסט, ווייל ער האָט אַנטדעקט און געשאַפן דעם יידישן פּלאַסטישן פאָלקלאָר.

און סוטין איז דער אומגליקליכסטער אויך אפשר דערפאַר, ווייל ער איז די ענדע פון אַ גרויזאַמער עפּאָכע פון צופאַלונג פון אַ יידישער און אַלגעמיינער ציוויליזאַציע. דער אָנפאַנג און די ענדע אין דער זעלבער צייט.

## שלמה ווארזאגער

# בייערישע אלפן בערג

רוקנס הויקערדיקע פון קעמלען,
ווי פלוצים וואָלטן שטיינגעבליבן אין מדברדיקן סטעפּ
און רוען זיך געזעצט דאָ אונטער הימלען.
נאָר אומגעלומפּערט שווער אזוי
יאָר טויזנטער זיי רוען דאָ
פון פראָסט און ווינט, פעלז — די הויט
פון אַלטקייט ביימלעך שטאָט־האָר
און אַלע אינדערפרי — פארנאכט,
ווען זונען־פלעק פון אונטער בארג זיך צינדט
און לעשט מיט — רויט
אויף ווייערסטן ווייט — א ראָזע שיין
„באגילט" די האָרגיק בראָנזע הויט.
און ס'טרעפט א מאָל :
צעגליטער זונען־פלעק אויף שפּיץ פון בארג פאַרטשעפּעט זיך
ווי אויף קאָוואדלע — ריווערט צעבראַזגעט גיך
און ס'שפּריצן פונקען פיילן — רויט אין הימל־בלוי
און צינדן אָן
דעם גאנצן האָריזאָנט און פארבן אים אזוי
אין גאָלד, אין ראָז, גרין און געלב־פּיאָלעט
און ס'דוכט זיך דיר :
געניטע מאָלער־האַנט דאָ שלייפט און גלעט
א פּליעסק, א שמיר,
א פּענזל־פּיר
און זיך ס'פּאַרטיקט א מאָזאַאיק אויס
ביז — ס'שפּרינגט פּלוצים נאכט־שאָטן ארויס
מיט לבנה בלאסער — גילאָטינע־סערפּ
און ס'פאַלט קאָפּ גאָלדענער פון טאָג
קייקלט זיך אראָפּ — אויף אַנדערער זייט בערג.

* * *

אויך אין אָוונטן איך זע אייך
און אין שפּעטער נאכט.
צוגעטוליעטע, ווי אונטער שווארצער דעק
ליגט איר אַלע שטום
און ס'ווארפן שאָטנס אייערע פול שרעק



אויף טאָליקן ארום.
אין נאכט־געהיל איר ליגט אזוי
אין חיה'ש לייכטן דרימל
און איבער אייך — א הימל :
א מאָל — געדיכטער, שווארצער קרעפּ
א מאָל — צעהעלט, לבנה'ק־בלוי.
און ס'טרעפט : גאנץ אָפּט ס'לעשט א שטערן זיך
דארף ער ווייט נישט פאַלן
עס זיינען פול מיט זיי די בערג,
ווי בייטאָג מיט שטראַלן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

בערג.
זויקלען, קנוילן
איינער פון צווייטן זיך ארויס.
נאָר גאָר באַזונדער — פאַר זיך אַליין
א בערגל ליגט, ווי אָנגעברויגזט — סתם
פארקיילעכט, אויסגעפורמעט, הויך און מיט א שפּיץ,
ווי א קלויסטערשער קופּאָל
נאָר ווינט — דעם צלם אראָפּגעריסן האָט מן הסתם,
איבערלאָזנדיק דעם פרומען קלויסטער אָן א שפּיץ.

## קייטי בראון

# אין דער פרעמד

(דערציילונג)

דאָס איז געווען אין יענע יאָרן, ווען דער שטראָם פון יונגווארג האָט זיך א לאָז געטון עמיגרירן פון די קליינע, אָרימע פּוילישע שטעטלעך אין דער גרויסער וועלט אריין. די יונגע בחורימלעך האָבן דאָס געטון מיט דער צושטימונג פון זייערע עלטערן, כדי אויסצומיידן מיליטער־דינסט, וואָס האָט צו יענער צייט פארשאַפט גרויסע צרות אין יידישע הייזער ; און דער עיקר, צו זוכן א תכלית. מיט יענעם שטראָם איז אויך מיטגעריסן געוואָרן דער העלד פון אונזער דערציילונג.

ער איז נאָך דעמאָלט נישט אַלט געווען קיין פולע אכצן יאָר און שוין איז ער אָפּגעריסן געוואָרן פון זיינע ליבסטע, פון טאטע־מאמע, שוועסטער און ברידער, צו וועלכע ער איז געווען צוגעבונדן מיט לייב און לעבן.

דעם טאָג פון זיין אָפּפאָרן האָט די מאמע געגאָסן מיט הייסע טרערן, געבעטן גאָט, אז ער זאָל איר קינד אָפּהיטן פון אַלעם בייזן, ער זאָל חלילה נישט אראָפּ פון דרך הישר. יענעם טאָג איז איר מוטער־ליבע איבערגעגאנגען

פון אַלע קינדער צו אים אַליין, ווייל זי האָט געפילט, אַז אָט אָט פאַרלאָזט ער זי און איין גאָט ווייסט, צי זי וועט אים נאָכאַמאָל זען. זי האָט געפילט, אַז ער וועט איר פעלן אין יעדן ווינקל טראָץ דעם, וואָס די אָרימקייט און דחקות זענען אַזוי גרויס און די ענגשאַפט — נאָך גרעסער.

ווען ער האָט געגעסן זיין לעצטן מיטאָג, האָט זי אירע אויגן פון אים נישט אַראָפּגענומען, פונקט ווי זי וואָלט געוואָלט אים איינקריצן אין איר האַרצן און זכרון אויף אייביק. עטלעכע מאָל איז זי אַריין אין דער צווייטער שטוב, זיך גוט אויסגעוויינט, אַז ער זאָל נישט זען, אָפּגעווישט די טרערן, אָפּגעזיפצט, דאַן צוזאַמענגענומען אירע לעצטע כחות און אָנגעהויבן איינפּאַקן די זאַכן זיינע.

און איינגעפּאַקט האָט זי אַ סך, אַ סך גוטע זאַכן, כדי עס זאָל אים חלילה נישט חלשן דאָס האַרץ אונטערוועגנס. זי האָט אויך איינגעפּאַקט זיין טלית־און־תפילין, אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אָפּהיטן יידישקייט וואו ער וועט נאָר זיין, דערפאַר וועט אים גאָט נישט פאַרלאָזן.

ער האָט זיך געזעגנט מיט דער מאַמען. זי האָט אים געקושט און ווידער געוויינט. ער האָט זיך געזעגנט מיט די שוועסטער און ברידער, אַ קוש געטון די מזוזה און אַרויס פונשטוב מיטן טאַטן, וועלכער האָט אים באַגלייט צו דער באַן.

דעם גאַנצן וועג איז ער געגאַנגען פאַרטיפט אין מחשבות. אים האָבן זיך פאָרגעשטעלט פאַרשידענע בילדער, גוטע און שלעכטע, פון וועלכע ער האָט זיך אויף איין מאָמענט נישט געקענט אָפּרייסן. וואָס מער ער האָט זיך דערווייטערט פון זיין היים, אַלץ בולטער האָבן די בילדער זיך באַוויזן פאַר זיינע אויגן.

אָט זעט ער זיך ווי אַ קינד אין חדר. ער לערנט מיט חשק, ער האָט אַ גוט קעפּל, זאָגט דער רבי. פון אים וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער בן־תורה, אַ למדן, אַ שטאָלצער זון פון פאָלק ישראל. טאַטע־מאַמע גרויסן זיך מיט אים, יידן אין שטעטל זענען זיי מקנא. אָבער אַנשטאָט צו פאַרטיפן זיך אין גמרא, תוספות און אַנדערע הייליקע ספרים, האָט ער בשתיקה אויפגעזוכט און געלעזן ביכער איבער וויסנשאַפט, קולטור און ליטעראַטור, וועלכע האָבן אים שטאַרק געלאָקט. ער האָט געדורשט נאָך וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער גרויסער וועלט. אָבער אין זיין סביבה איז ער געווען באַגרענעצט און נישט געהאַט די נייטיקע מעגלעכקייט צו שטילן זיין דורשט. און מיט דעם אַרויסרייסן זיך פון דעם אָרימען, נעבעכדיקן, קליינשטעטלדיקן לעבן האָט ער פאַר זיך דערזען די מעגלעכקייט צו באַפרידיקן זיין פאַרלאַנג.

דעם גאַנצן וועג איז ער געווען אַזוי פאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען, אַז ער האָט אַפילו נישט געהערט וואָס דער טאַטע רעדט צו אים. דאָס גערויש פון אָנקומענדיקן צוג האָט אים ערשט אויפגעוועקט פון זיינע פאַנטאַזיעס און אים צוריקגעבראַכט צו דער ווירקלעכקייט. אין דעם מאָמענט האָט ער באַ־



שלאָסן צו ווערן אַ זעלבסשטענדיקער מענטש אויף אַלע געביטן. ער האָט אַ נעם געטון זיין באַגאַזש און געוואָלט דאָס אַריינטראָגן אין וואַגאָן, כדי אַזוי אַרום צו באַווייזן, אַז ער נויטיקט זיך נישט מער אין יענעמס הילף. אָבער ער האָט נישט פאַרמאָגט די נייטיקע כחות און דער טאַטע האָט אים דאָך געמוזט בייהילפיק זיין.

ביים געזעגענען זיך מיטן טאַטן האָט ער זיך שיר נישט צעוויינט ווי אַ קליין קינד. ער האָט אויף גיך דערשטיקט זיינע טרערן, איז אַריין אין וואַגאָן און גלייך פאַרנומען זיין אָרט. נאָר ווי דער צוג האָט זיך גענומען באַוועגן און פאַרלאָזן די פּלאַטפאָרם, וואו זיין טאַטע איז געשטאַנען, זענען שוין די טרערן פריי געפלאָסן פון זיינע אויגן.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָרוואָס האָט ער באַשלאָסן צו ווערן אַ מאַן, און פאַר אַ מאַן פּאַסט נישט צו וויינען, האָט ער אויף גיך אָפּגעווישט די נאַסע באַקן, זיך געמאַכט באַקוועם און דער גורל האָט אים פאַרשלעפּט אין דער ווייטער, אומבאַקאַנטער וועלט אַריין. און פונקט ווי אַנדערע אין זיין מצב איז אויך אים אויסגעקומען זיך צו ראַנגלען נאָך דעם טעגלעכן שטיקל ברויט.

ער האָט זיך אויסגעלערנט אַ פאַך. אָבער זייענדיק אַ שוואַכער, האָט ער גאַנץ ווייניק געאַרבעט און נאָך ווייניקער פאַרדינט. פונדעסטוועגן האָט ער זיך איינגעאָרדנט אין דער גרויסער שטאָט און זיך אָנגעהויבן צוגעוואוינען צום נייעם אָרט לעבן. ער האָט זיך געשאַפן אַ גרופּע פריינט מיט וועלכע ער פלעגט אָפט פאַרברענגען. ער איז געגאַנגען אויף לעקציעס, רעפעראַטן, איבערהויפּט פלעגט ער זיין פרייע צייט פאַרברענגען אין לייענען און שטודירן. אויף זיין גייסטיקן מצב האָט ער זיך נישט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן, נאָר זיין מאַטעריעלע לאַגע איז געווען זער אַ שווערע.

פילמאָל פלעגט אים אויספעלן צו באַצאָלן דירה־געלט פאַרן קליינעם צימערל, וואו ער האָט געוואוינט, און די בעל־הבית׳טע פלעגט אים אָנטון גרויסע צרות.

אַהיים פלעגט ער שרייבן אָפט און אויך באַקומען בריוו פול מיט ליבע און בענקשאַפט. ביי אַזאַ געלעגנהייט האָט ער אויך אָפט אַן ערנסטן טראַכט געטון וועגן זיי דאָרט, וועגן דעם שטעטל, וואו ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן. ער פלעגט פאַר זיך דערזען די שיינע לאַנדשאַפטן, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיינע קינדער־יאָרן און זיך געשפּילט מיט חברים. דאָרט איז אַלץ אַזוי נאַטירלעך, אַזוי אמתדיק, נישט נאָכגעמאַכט און פאַרשטעלט, ווי דאָ. דאָרט וואַרימט די זון אַזוי פריי, גלעט און לאַשטשעט דאָס געמיט, צערטלט מיט אירע שטראַלן און דערוואַרימט די נשמה, פונקט ווי אַ מאַמע, זיין מאַמע. און דער וואַלד מיט זיינע הויכע, גרינע סאָסנע־ביימער, וואָס געפינען זיך אַרום זייער שטוב, פלעגט פאַרשיכורן ביז צום איינשלאָפן. דאָס זילבערנע טייכל, וואָס דערציילט סודות פון פאַרליבטע פאָרלעך אין ליכטיקע לבנה־

נעכט — זיין פאַנטאַזיע צעשפּילט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ער פילט זיין מאַמעס צאַרטע האַנט איבער זיין קאָפּ און זעט אירע בלאַסע ליפּן שעפּטשען אַ געבעט צום הימל, און אים ווילט זיך אינדער'אמת'ן אָנשפּאַרן זיין קאָפּ אויף איר האַרצן. עס באַפאַלט אים אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך אַן אינטימען פריינט, וואָס זאָל אים פאַרשטיין און פאַר וועמען צו קענען שילדערן זיינע געפילן מיט דער גאַנצער באַגייסטערונג פון דער נשמה זיינער. עס וואָלט אים פאַרשאַפט אַזויפיל צופרידנקייט, אָבער צום באַדויערן פאַרמאָגט ער נישט אַזאַ פריינט צווישן אַלע זיינע באַקאַנטע. קיינער פון זיי האָט נישט קיין צייט און קיין געדולט אים אויסצוהערן, יעדער איז פאַרנומען מיט זיך, און אויב עס מאַכט זיך ביי זיי אַ שטיקל פרייע צייט, גייען זיי ערגעץ וואו פאַרברענגען, זיך אַמוזירן. צו אים אַפּעלירן נישט די אַלע ביליקע פאַרגעניגנס, אים ציט צו עפּעס בעסערס, אינטערעסאַנטערס, ווי דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן.

פלוצלונג באַפאַלט אים אַ פאַרלאַנג אָנצושרייבן איניקע קאַפּיטלעך פון זיין לעבנס־געשיכטע. ער באַשטימט גלייך, אַז דאָס איז דער איינציקער מיטל. ער פילט שוין ווי זיין געדאַנקענגאַנג דיקטירט אים וואָרט נאָך וואָרט, פראַזע נאָך פראַזע; פּאַפּיר איז געדולדיק און טאָלעראַנט — יאָ, אַזוי וועט עס בלייבן.

און ער האָט אָנגעהויבן שרייבן.

יעדן אָוונט, ווען ער פלעגט אַהיימקומען פון דער אַרבעט, האָט ער זיך איינגעשלאָסן אין זיין קליין צימערל, אַוועקגעזעצט זיך ביים טישל און געשריבן ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין. זיין באַגייסטערונג פאַר דער זאַך איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג, יעדעסמאָל פלעגט ער איבערלייענען די שוין אָנגעשריבענע קאַפּיטלעך און געווען גליקלעך פון זיין איינפאַל.

אַז ער האָט די זאַך געענדיקט האָט ער שוין לענגער נישט געקענט באַהאַלטן דעם סוד און האָט פאַרטרויט זיינעם אַ פריינט וועגן דער אַרבעט. דער פריינט האָט אים געבעטן פאָרלייענען דעם מאַנוסקריפּט און נאָך דעם ווי ער האָט מיט ערנסט אויסגעהערט דעם ספּור־המעשה, האָט ער אים געזאָגט, אַז די זאַך איז זער אינטערעסאַנט און אים געראַטן זיך צו ווענדן צו אַ רעדאַקטאָר פון אַ זשורנאַל בנוגע פאַרעפנטלעכן.

אַ לאַנגע צייט האָט ער געטראַכט וועגן דעם, אָבער נישט געהאַט דעם מוט. ענדלעך האָט ער זיך געפּאַסט מוט און איז אַוועק אין אַ רעדאַקציע. נאָכן איבערלייענען דעם כתב־יד האָט אים דער רעדאַקטאָר געזאָגט, אַז די דערציילונג איז גוט, אינטערעסאַנט און מיט אַ קליינער ענדערונג וועט ער זי פאַרעפנטלעכן און אים באַצאָלן האָנאָראַר. אַ גליקלעכער און פול מיט האָפנונג האָט ער פאַרלאָזן די רעדאַקציע און באַשלאָסן נאָך דעם זעלביקן אָוונט צו מאַכן די ענדערונגען.

ווען ער איז אַהיימגעקומען האָט ער אַוועקגעלייגט דעם מאַנוסקריפּט אויפן טישל און איז אַרויס אין גאַס, זיך דורכגיין אַ ווײלע. אפשר וועט ער



באַגעגענען עמיצן פון זיינע באַקאַנטע און זיי דערציילן פון זיין גליק.

צו יענער צייט האָט ער שוין עטלעכע וואָכן נישט געהאַט געאַרבעט. עס איז געווען „סלעק“ אין דעם פאַך אין אָט דער צייט פון יאָר. ער איז אויך שוין שולדיק געבליבן פאַר עטלעכע וואָכן דירה־געלט, די בעל־הבית'טע האָט אים איניקע מאָל דערמאָנט און ער האָט איר פאַרזיכערט, אַז באַלד וועט ער באַקומען געלט און וועט איר שוין באַצאָלן מיט פּראָצענט. ער האָט אויך צוגעזאָגט אַז אין דער צוקונפט וועט ער איר דערלייגן און איר נאָך קענען אויסבאָרגן אויב זי וועט וועלן....

די בעל־הבית'טע האָט אָבער נישט געוואָלט וויסן פון דער צוקונפט און אים געגעבן אָנצוהערן, אַז ער זאָל זיך אַרויסציען, ווייל מיט דער דירה האָט זי קיין דאגה נישט.... אָבער ער האָט זיך געבעטן, אַז זי זאָל נאָך וואַרטן כאָטש איניקע טעג. נאָר עס האָט נישט געהאָלפן.

ווען ער איז דעם זעלביקן אָוונט אַהיימגעקומען איז אים פינסטער געוואָרן אין די אויגן, זיינע פּאָר זאַכן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, זענען געלעגן פון יענער זייט טיר און אין זיין בעט איז געלעגן אַ פרעמדער מאַן און געשמאַק געשלאָפן.

אין אויוון האָט זיך געברענט אַ קליין פייערל, אויף וועלכן ס'איז געלעגן זיין מאַנוסקריפּט שוין האַלב פאַרבראַנט — די אַרבעט, וואָס האָט ביי אים אָפּגענומען אַזויפיל האַרץ און נשמה.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד נעבן פייער, פאַרבראָכן מיט די הענט, פּונקט ווי מען זיצט שבעה נאָך אַ טייערן, האַרציקן פריינט. מיט ווייטאָק האָט ער צוגעזען ווי דאָס פייערל פאַרצערט די צווייטע העלפט פון זיין צוקונפט, פון זיין פרייד און האָפענונג, פון זיין אַלץ!....

אויפן פנים האָט זיך אים גענומען זעצן אַ שמערצהאַפטער אויסדרוק און פון זיינע אויגן האָבן זיך אַרויסגעקייקלט צוויי גרויסע טרערן....


„אין זכות פון די טעג“ 3/6

„אין חדר אריין“ -/5

פון

**משה עובד**

צו באַקומען ביים מחבר:

MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1

עפנטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי

## יוסף הלל לעווי

# איידער ס'נעמט דאָס ליכט פאַרגיין

צום 50־יאָריקן יובילײ פון א. נ. שטענצל

פון די בעזלעך און די בליטן,
ווי פון הימל טיף און בלוי, —
שטיל צעשטערנט ליכטיק שיטן
זיך אַראָפּ די טראָפּן טוי.

און זיי גיסן זיך און דרינגען,
טיף אַריין אין האַרץ מיט גליק,
און פון האַרץ אַרויס זיי זינגען —
מיט אַ פרילינג־טרוים מוזיק.

אויסגעקושט מיט גאָלדנע טרילן
פון די פייגעלעכס געזאַנג, —
ווערן צאַרטער די געפילן
און דאָס האַרץ פאַרליבט און באַנג.

אַז עס ווילט זיך ווידער ווערן
פריי פון זאָרגן, ווינטיק גרינג,
כאַפּן יעדן גאָלדנעם שטערן
ווי אַ בונטן שמעטערלינג....

און זיך מיט דעם שטערן קוויקן,
איידער ס'נעמט זיין ליכט פאַרגיין, —
טוליען אים צום האַרצן דריקן
ווי אַ מיידל רייציק שיין....

זאָל דאָס האַרץ זיך בוקן, קניען,
ווי דאָס ביימעלע אין מאַי —
צו דער ליבע, רייפן, בליען,
אייביק לייכטן פון דאָס ניי....

און אַנטלויפן מיט געזאַנגען
פון געמיט וואָס איז באַטריבט,
פאַנגען, און זיך לאָזן פאַנגען
פון אַ יעדן נאָר וואָס ליבט....



פון די בעזלעך און די בליטן,
ציטערדיק צעשטערנט בלייך —
זיך די פליטערלעך עס שיטן,
ווי די שנייעלעך צאַרט און ווייך.

## נעם וואָס ס'קאָן דיר ס'גליק נאָר געבן

מענטש, ווי לאַנג דו קאָנסט געניסן
נאָך די שיינקייט פונעם לעבן, —
נעם וואָס ס'גליק נאָר קאָן דיר געבן,
דיינע טעג דאָ צו פאַרזיסן....

ווייל שוין מאָרגן פון אַ מיאוסן
ניט געאַנטן טרוים קאָן ווערן, —
איבערפולט דיין אויג מיט טרערן,
און דיין האַרץ אין צוויי צעריסן....

אָ, ניט לאָז דיין גליק צערינען,
ווי דאָס זילבער פון די שוימען,
ווען דיין לעבן שפּרודלט, פליסט ;

גיס פאַרנאַנדער ווי ס'באַגינען —
ס'גאָלד פון דיינע לעבנסטרוימען,
מענטש, פאַרגעס ניט ווער דו ביסט !....

## פערל אויס־דיין ליבעספליטער

שענער פיל איז צובאַגערן,
ווייל דאָס שטילן דעם פאַרלאַנג —
איז אַ שטומער ציטער קלאַנג,
פון אַ אויסגעלאָשענעם שטערן....

וואָס ער קאָן שוין מער ניט ווערן,
נאָך אין בענקעניש פון טרוים, —
נאָך צעפּערלען זיך ווי שוים,
אָדער ווי פאַרקילטע טרערן....

ווי אַ פייגעלע מיט ציטער,
אויף די בעזלעך טיף צעבליט, —
מיט אַ דופּטיק ליבע־ליד :

פערל אויס דיין ליבעספליטער
פון דיין ניטדערפילט באַגערן,
וואָס פאַרלאָשן קאָן ניט ווערן....

באַקוקט האָסטו איינזאַם דיין ברידער...

איך האָב דיך געזען אין באַגינען,
ווען טיף אויפן פעלד נאָך געלעגן, —
איז האַרבסטיק דער נעפּל, און רעגן,
זיך טוליען צום גראָז פּייכטן, גרינעם.

געוואָרן איז רייף אין דיין זינען,
דער ווילן צוברעכן די צוימען,
און לאָזן באַפרייט אויף די רוימען,
די ווייטע מיט זונגאָלד באַשפּינען.

באַקוקט האָסטו איינזאַם דיין ברודער,
דאָס טרויעריק דערשלאָגענע פערד,
וואָס ס'איז דיר געשטאַנען אַנטקעגן, —

דעם קאָפּ טיף געלאָזט צו דער ערט:
מיט מידע, צעבראָכענע גלידער,
געדריקט זיך צום נעפּל און רעגן....

## דיין ליד

ווען דיין אָרעם קנאָכנבינטל,
פון לבנה איז באַגילט, —
ווערט דיין האַרץ אַזוי צעבילט:
ווי אַן איינזאַם הפקר-הינטל....

און דאָס ליד דיינס ווי אַ ווינטל,
טאָרגט זיך הוימאַטלאָז פאַרביי, —
איבער סטעפּעס, בערגער וויי,
פריי און איינזאַם — איינזאַם פריי....

ביז די ציטערדיקע קלאַנגען,
פון דיין ליידנדיקן ליד, —
ווערן פון אַ האַרץ געפאַנגען,

רייסן מיט זיך ס'האַרץ טיף מיט,
פליקסטו ווידער דיין פאַרלאַנגען —
זינגנד, ווי דער ווינט די בליט....



# אליהו פאַלושאַק

## די פּרעסע און אירע אויפגאַבן

איך קען שוין דעם טעקסט, איך קען די מעלאָדיע
איך קען אויך די האַרן פאַרפאַסער,
בחדרי חדרים ז'האָבן געטרונקן ווײַן
און געפּרעדיקט פאַרן פאָלק נאָר וואַסער.

(היינריך היינע)

עס לוינט זיך אַמאָל צו רעדן איבער פּשוטע לייכט־פאַרשטענדלעכע זאַכן. איז דען באמת די פּרעסע אַזאַ פּשוטע, לייכט־פאַרשטענדלעכע און לייכט־געפירטע אינסטיטוציע, אַז מען ברויך גאָרנישט אַזויפיל איבער דעם צו רעדן? ס'דאַכט זיך מיר, אַז ס'איז נישט אַזוי. וואָרים וואָלט עס אַזוי געווען, וואָלט דאָך נישט געווען אַזאַ מהלך־ווייטער אונטערשיד פון איין טאָג־צייטונג צו אַן אַנדערער, פון איין וואָכנבלאַט צו אַן אַנדערן...

וואָס איז דען די פּרעסע? — דאָס איז, קורץ געזאָגט, ענטוועדער דער אויסדרוק פון דער עפנטלעכער אָדער פאָלקס־מיינונג אָדער — די באַאיינפלוסטע עפנטלעכע פאָלקס־מיינונג.

אין ערשטער ליניע איז די טאָג־טעגלעכע צייטונג דער וויכטיקסטער באַשטאַנדטייל פון דער פּרעסע.

צייטונג קומט פון צייט און מיינט נאָך עפּעס אַנדערש. דאָס וואָרט צייטונג הייסט אין מיטלהויכדייטש: אַ מיטיילונג, אַ ידיעה. פאַרשטיין מיר היינט, אַז די צייטונג, דאָס טעגלעכע בלאַט האָט אַ טאָפּעלטע אויפגאַבע: צו ברענגען ידיעות, נייעס, נייאיקייטן אין דער ריכטיקער צייט ד. ה. דירעקט, אומיטלבאַר, פרישגעבאַקן מארבע פינות העולם.

אָבער אויך דאָס איז נישט אַזוי איינפאַך. אויך פרישע ידיעות קענען ווערן געבראַכט אויף דריי פאַרשידענע אופנים:

1) זאַכלעך, אָביעקטיוו און אומפּאַרטייאיש.

2) טענדענציעז געפאַרבט און אין אַ באַשטימטער ריכטונג פּאַרטייאיש געענדערט און מאָדיפיצירט און: —

3) סענזאַציאָנעל אויפגעבלאָזן מיט פעטע איבערשריפטן און איבערגעטריבענע ראַנד־באַמערקונגען און קאָמענטאַרן.

די פּרעסע פון אַ גוטן געשמאַק וועט אייביק (אָן אונטערשיד פון פּאַרטייריכטונג) ברענגען ידיעות, נייעס און וויכטיקע געשייענישן זאַכלעך, אָביעקטיוו און אומפּאַרטייאיש. ביי וויכטיקע פּאָליטישע, קולטורעלע און סאָציאַלע געשייענישן וועלן מיר געפינען אַ פּירוש אָדער קאָמענטאַר אין דער פאָרם פון אַ לייט־אַרטיקעל אָדער פונם רעדאַקטאָר אַליין. ס'דאַרף נישט אויך אַ לייט־אַרטיקעל אָדער עסיי קען זיין דאָס, וואָס ס'איז שוין פריער געוואָרן געזאָגט: אַן אויסדרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג אָדער אַ קורץ־געשריבענער טראַקטאַט צו באַאיינפלוסן די עפנטלעכע מיינונג.

די טיכטיקייט פון דער ענגלישער פּרעסע איז באַקאַנט. באַקאַנט איז אויך

דער געשווינטער נאַכריכטן־דינסט אויפן געביט פון פּאָליטיק, סאָציאַלע געשייעניש, אינטערנאַציאָנאַלע פאַרוויקלונגען און ספּאָרט. די לינקע און ליבעראַלע פּרעסע באַמיט זיך צו זיין זאַכלעך, נישט־סענזאַציאָנעל און נישט־מאַרקשרייעריש. און דאָך האָט די זעלביקע פּרעסע מיאוס געזינדיקט ביי די סענזאַציאָנעלע ידיעות איבער די דעוויזן־ספּעקולאַציעס פון מאַקס אינטראַטאָר און זיין ענגלישע קליענטל. די ענגלישע פּרעסע שטעלט אינטראַטאָרס קליענטן: באָן־וויוויאַנס, זולל וסובא׳ניקעס אַוועק ווי אומשולדיקע לעמעלעך. דער אַלייניקער פאַרברעכער איז דער יידישער געלד־ספּעקולאַנט מאַקס אינטראַטאָר, וואָס „פינאַנצירט" די יידישע אונטערגרונד־און־טעראָריסטן־באַוועגונג אין ארץ ישראל. כמעט די גאַנצע ענגלישע פּרעסע האָט דאָס אויפגעכאַפּט. מען האָט נישט געלעזן, אַז עס איז פון זיי געוואָרן דעמענטירט, אַז דער פּאַסקאַרזש אינטראַטאָר איז דערווייל אַ פּשוטער בלעקמאַרקעטער, און האָט מיט טעראָריסטן־גרופּן אין פּאַלעסטינע קיין שום מגע ומשא נישט.

מיר זען דאָ, ווי אַן אינטערעסאַנטע סקאַנדאַל־געשיכטע, וואו עס זיינען פאַרוויקעלט באַקאַנטע און ווייניקער באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן פונם ענגלישן בירגערשטאַנד איז געוואָרן טענדענציעז געפּאַרבט אין אַ באַשטימטער ריכטונג און מיט פעטע איבערשריפטן סענזאַציאָנעל אויפגעבלאָזן.

איך ברענג דאָ דעם דאָזיקן ביישפּיל דערפאַר ווייל עס האַנדעלט זיך וועגן אַ געשייעניש פון גאָר לעצטער צייט. אַז אַ יידישער אינטריגאַנט אָדער „פאַרברעכער" (דערווייל נאָר אין גענזע־פיסלעך, אַזוי לאַנג ווי ער איז נאָך נישט פאַראורטיילט, איז אינטראַטאָר אַן אָרענטלעכער מענטש), איז פאַרוויקעלט אין דעם דאָזיקן ענין איז אַן אנגעלעגענהייט פון צווייטער אָרדענונג. זיין „יידישקייט" קען אָבער ווערן אַ באַדייטענדער פאַקטאָר, ווען די פּרעסע: די טאָג־צייטונג אָדער וואָכנבלאַט וויל די באַשטימטע אָפּערע אויסנוצן צו באַאיינפלוסן די עפנטלעכע מיינונג קעגן עמיצן: אַ יחיד אָדער כלל.

מיר ווייסן דאָך, וועלכער כוח ס׳איז די פּרעסע אין דער היינט־מאָדערנער צייט. טעלעגראַף, טעלעפאָן און ראַדיאָ האָבן אָפּגעשאַפט יעדע גרענעץ פון צייט און אָרט. וואָס עס שפּילט זיך אָפּ קעגן דריי אַזייגער אין טשיקאַגאָ, באָמביי און וולאַדיוואָסטאָק, ווייסט מען שוין אַ האַלבע שעה שפּעטער אין דער גאַנצער וועלט. די טאָג־צייטונג און דאָס וואָכנבלאַט — זיי זיינען די זיבעטע וועלט־מאַכט. זייער השפעה איז גרויס אין צייטן פון מלחמה און שלום, אין גוטע זאַטע יאָרן און אין צייטן פון קריזיס.

גראַד איצטער נאָכן אָפּשלוס פון דער גרויסער וועלט־טראַגעדיע קענען זיך מאַנכע אייראָפּעאישע (אָדער אפשר אויך אַזיאַטישע) פעלקער אָפּגעבן אַ דין וחשבון, וועלכן מאָראַליש־פאַרדערבלעכן איינפלוס ס׳האָט געהאַט אויף זיי אַ באַשטימטע פּרעסע. מען קען מיט באַשטימטקייט זאָגן, אַז ס׳וואָלט צו דער דאָזיקער טראַגעדיע נישט געקומען אָן דעם איינפלוס פון די צוויי מאָדערנע פּראָפּאַגאַנדע־מיטלען: ראַדיאָ און פּרעסע. די לעצטע איז די געפערלעכערע: דאָס געזאָגטע וואָרט פאַרשווינדט און פאַרקלינגט, דאָס געדרוקטע



וואָרט בלייבט באַשטיין און גייט פון האַנט צו האַנט.

אַ פרייע פּרעסע, וואָס וויל ערלעך דינען אירע אויפגאַבן צו זיין דער אויסדרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג אָדער פאָלקס־מיינונג, מוז זיין באמת׳דיק פריי און אומאָפּהענגיק פון אַלע פינאַנציעלע און פּאָליטישע קליקעס. זי מוז אויך זיין פריי פון יעדן רעגירונגס־דרוק. עס איז אַ באַוויזענער פאַקט, אַז נאָר אַ פרייע פּרעסע האָט דעם מאָראַלישן כוח אויסצואיבן אַ געזונטע קאָנסטרוקטיווע קריטיק לגבי דער רעגירונג אָדער פאָלק אָדער גאָר ביידע צוזאַמען אין צייטן פון אַ נאַציאָנאַלער קריזיס אָדער קאַטאַסטראָפע. אַ „גלייך־געשטאַלטעטע" פּרעסע קען דאָס נישט. אין אַ גלייכגעשטאַלטעטער צייטונג אָדער וואָכנבלאַט איז דער רעדאַקטאָר נאָך ווייניקער ווי אַ סטראַשידלע. ער באַקומט אַלע ידיעות צוגעשיקט, צוגעשניטן און צוגעמאָסטן, פון דער נאַכריכטן־פאַבריק. מיר ווייסן, אַז אינם פאַשיסטישן איטאַליע און נאַציסטישן דייטשלאַנד זיינען פאַררינאַטשי און גראַף טשיאַנאָ (אײדער ער איז געוואָרן אויסערן־מיניסטער), דר. געבעל׳ס און דר. ליי געווען די גענעראַל־דירעקטאָרן איבער די נשמות פון די איטאַליענער און דייטשן. די פאַשיסטישע און נאַציסטישע פּרעסע זיינען געווען מיינונגס־פאַבריקן. פון דאָרט איז די סחורה אַריינגעדרונגען אין די מחות און הערצער פון באַלד 140 מיליאָנען מענטשן. נישט בעסער איז עס געווען אין פאַר־מלחמה׳דיקן פוילן און אונגאַרן. דער סם, וועלכן די פּרעסע האָט אין די אָנגעצייכנטע לענדער פאַרשפּרייט אויפן געביט פון נאַציאָנאַלן און ראַסן־האַס, האָט נאָך זיינע בייזע און שעדלעכע ווירקונגען ביז אויפן היינטיקן טאָג.

די טעגלעכע פּרעסע און דאָס וואָכנבלאַט האָבן חוץ ידיעות ברענגען נאָך אַנדערע אויפגאַבן: צו קעמפן פאַר פרייהייט און פּראָגרעס אויף פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און סאָציאַלן געביט. אָפּגעזען פון די צוויי קאַטאַסטראָפאַלע וועלט־מלחמות אין די לעצטע דריי דעקאַדעס, מוזן מיר דאָך צוגעבן דעם גרויסן פאָרטשריט אינם מענטשלעכן לעבן בכלל און אינם לעבן פון די אַרבעטער־שיכטן בפרט: העכערע שכירות, קורצערע אַרבעטס־צייט, סאָציאַלע פאַרבעסערונגען, ווי פרייע מעדיצינישע הילף, באַצאָלטער אורלויב, אַלטערס־פאַרזיכערונג. אַטאָ דאָס אַלץ איז צו אַ גרויסן טייל געוואָרן דערגרייכט מיט דער הילף פון אַ פרייער, אומאָפּהענגיקער קעמפערישער פּרעסע.

נישט צו אונטערשאַצן איז אויך דער ווערט פון דער פּרעסע אַלס בילדונגס־מיטל. דאָס וואָכנבלאַט און די טאָג־צייטונג האָבן די אויפגאַבע צו זיין די אמת׳ע אָפּשפּיגלונג פונם לאַנד און צו ווירקן אויפקלערעריש אין אַלע ספערן פונם געזעלשאַפטלעכן און גייסטיקן לעבן. ליטעראַטור, דיכטונג, וויסנשאַפט, טעאַטער, אַלגעמיינע קונסט און ספּאָרט דאַרפן געפינען פּלאַץ און זיין פאַרטרעטן אין די שפּאַלטן פון אַ מאָדערנער פּרעסע.

און אַ זייער וויכטיקע זאַך איז די שפּראַך. פאַר די גרויסע מאַסע, וועמענס בילדונג ס׳האָט פּריצייטיק געמוזט אָפּגעהאַקט ווערן צוליב עקאָנאָמישע סבות, איז די צייטונג, דאָס וואָכנבלאַט און דער חודש־זשורנאַל איינע פון די וויכ־

טיקסטע פאַקטאָרן פון אונטערהאַלטונג און בילדונג. ס'איז וויכטיק, אַז די שפּראַך אין דער צייטונג, וואָכנבלאַט אָדער זשורנאַל זאָל זיין אַ ליטעראַרישע. אין די אויטאָריטערע לענדער, וואו די פּרעסע איז געווען אַ פּראָפּאַגאַנדע־און־מאַכט־אינסטרומענט פון די הערשער, איז די צייטונגס־שפּראַך געשטאַנען אויפן ניוואָ פון דער ביר־שענק און יאַטקע־גאַס. פאַר זיי האָט באמת געפּאַסט דער פּסוק פון היינע:

„בחדרי חדרים ז'האָבן געטרונקן וויין
און פאַרן פאָלק געפּרעדיקט נאָר וואַסער".

גרויס זיינען די אויפגאַבן פון דער פּרעסע און גרויס איז אויך איר מאַכט. די פּרעסע איז דער שפּיגל פון דער צייט און דער שפּיגל פון זיין פאָלק. אַזוי ווי אַ פאָלק איז, אַזוי איז אויך זיין פּרעסע.

און דאָס זעלביקע קען אויך זיין מיט אַ קיבוץ.

## ס. פאַלמע

### דער זיווג

מיין קאָלעגיאַלע מתנה דעם בעל־יובל דיכטער **א. נ. שטענצל**
צו זיינע פופציק יאָר לעבן און פון זיי
פינף און צוואַנציק זינגען

דיינע פופציק יאָר לעבן און פון זיי פינף און צוואַנציק זינגען,
דרינגען:
אַז זיי זיינען דיר אַ זיווג אַ גלייכער,
אַז רייכער, רייכער
זיין די ערשטע פינף און צוואַנציק געוואָרן,
מיט לידער און מוזע־יחוס, וואָס די צווייטע העלפט האָט געבאָרן: —
ס'איז דער זיווג, אָט דער ליבער גוטער,
ווי אין שניט־צייט אויפן קאָרן־פעלד די שניטער
ווען זיי שניידן רייפע קאָרן־זאַנגען, ——
זאָלן אויך די לייענער דיינע קלייבן גאָלדענע געזאַנגען
אַ גאַנץ־קיילעכדיק יאָר,
„דאָ־זוי היי־יאָר"....
און נאָך און נאָך יאָרן וואָס זאָלן קומען
ווי די בלומען!





## ל. בערסאָן, דער קינסטלער און גרינדער פון בן אורי

דער פאַראיין בן אורי איז געבוירן געוואָרן אין די צייט פון די ערשטע גרויסע וועלט מלחמה, ווען אַלץ אַרום אונז און מיר אַלע זיינען געווען אין אַ צושטאַנד פון די העכסטע אויפרעגונג, אין אַ צייט, ווען גרויסע מאַסן מענטשן זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן זייערע וואוינונגס ערטער און געזוכט אַ רעטונגס אָרט. אין אַזאַ אויפטרייסעלדיקע צייט, איז ל. בערסאָן, געקומען פון פּאַריז קיין לאָנדאָן. באַגאַבט מיט אַ קינסטלערישן טאַלאַנט און אַ נייגונג פאַר אָרגאַניזאַציאָנס אַרבעט, האָט ער מיט זיין קאָמפּליצירטער פּערזענלעכקייט, באַלד געווירקט אויף אַ קרייז מענטשן, וועלכע האָבן אַזוי ווי ער געחלומט פון יידישע פאַראיינען אויף אַלע געביטען פון קונסט, פון וועלכע די נאַציאָנאַלע יידישע אינטעליגענץ האָט זיך אַרומגעטראָגן פון יאָרן, נאָך פאַר דעם אויסברוך פון די ערשטע גרויסע וועלט מלחמה.

ל. בערסאָן, האָט מיט דעם גאַנצן ברען פון זיין נאַטור, זיך אַריינגעוואָרפן אין די אַרבייט צו שאַפן אַ קונסט פאַראיין וואָס האָט געהאַט פאַר זיך די צילען, צו פּאָפּולאַריזירן און באַקענען דעם עולם מיט יידישע דעקאָראַטיווע קונסט. דער טאָג פון די גרינדונג פונם פאַראיין, דעם ערשטן יולי 1915, קען פאַרציי־כענט ווערן פאַר אַ היסטאָרישע דאַטע, מחמת דעם, וואָס אין אונזער קליינעם יידישן ישוב איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פאַרזוך צו שאַפן אַן אייגענע יידישע קונסט גאַלעריי, ווו די געזאַמעלטע ווערק פון יידן קינסטלער זאָלן זיין אויסגעשטעלט כדי צו געבן די מעגלעכקייט דעם ברייטן עולם זיך צו באַ־קענען מיט אירע אייגענע קולטור אוצרות.

בערסאָנ'ס ערשטע אַרבייטן זיינען געווען געקריצט אויף הילצערנע זאַכן אין די פאָרם פון שיסלען, טעלער, קעסטעלעך, ער פלעגט זיינע צייכנונגען איינ־ברענען אין האָלץ, נאָכדעם עס אויסגעפילט מיט די נויטיקע פאַרבן. אויף אַזאַ אופן האָט ער אַרויסבאַקומען אויסערגעוויינליכע מאָזאַאיקישע עפעקטן, ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, דאָס די איינפאַכע הילצערנע כלים, איז דורך די האַנט פונם קינסטלער אין זיי אַריינגעגעבן געוואָרן אַ נשמה... די נשמה פון פאָלק. דעם אָפּטימיזם און אמונה פונם יידישן פאָלק.

דער ענגליש רוסישער זשורנאַל „רעוויו", האָט דאַמאָלט געשריבן, אַז בערסאָן איז אַ גרויסער ליבהאָבער פון דאָס אַלטע, פון די אַנטיקן. עס איז דער־פאַר זיך נישט צו וווּנדערן, דאָס זיין שטודירן די דעקאָראַטיווע קונסט, האָט אים געפירט צו די אַלטע אילומינירטע שריפטן. די אָריענטאַלע שיינהייט פונם אַלטן העברעאישן סימבאָליזם, אַפּעלירט צו אים אַלס קינסטלער; אַ ווייטע־רעס שטודירן די אַלטע אותיות, מצבות, א.אַז.וו. האָט דערוועקט זיין ענטוזיאַזם, ער האָט זיך מיטן גאַנצן האַרצן געוואָרפן אין די אַרבייט, צו שאַפן אַ ניי און מאָדערנע שול, פון דעקאָראַטיווע קונסט, באַזירט אויף די העברעיִשע קונסט אין אַלטערטום.

אַז מען פלעגט אַריינקומען אין זײַן סטודיאָ איז מען גלייך געוואָרן באַאיינפלוסט מיט אַ געפיל פון אַ יידישע אַטמאָספערע, אַזוי ווי מען וואָלט אַריינגעגאַנגען אין דעם אַרבייטס צימער פון דעם אור־אַלטן בצלאל. דאָך קען דאָס אַלט יידישע נישט אַזעלכע צייכנונגען — איז עס דאַריבער די שאַפונגען פון ל. בערסאַן אַליין, אונטער דעם איינפלוס פון אַלטע העברעאישע עלעמענטן.

ל. בערסאַן האָט דורך זיין אונערמידלעכע ענערגיע, געזוכט אויפצוקלערן דורך פאָרטראַגן, וואָס ער האָט געהאַלטן אין ווייטשפּעל איבער זיינע זאַכן, וועלכעס ס'האָט תמיד זיך ענטוויקעלט אַן אינטערעסאַנטער מיינונגס אויסטויש אַרום די פראַגע פון יידישע קונסט, פון וועלכעס ער האָט דערקלערט, אַז נישט נאָר דער רעליגיעזער פאַרבאָט צו מאַכן אָפּבילדער האָט געשטערט דער אַנטוויקלונג פון קונסט ביי יידן, נאָר דאָס איז אויך אין אַ געוויסער מאָס געווען אָפּהענגיג פונם אָפּגעזונדערטן לעבן אין די געטאָס. אָבער נישט געקוקט דאַרויף האָט זיך דאָך אַנטוויקעלט, פריער די אַרכיטעקטאָנישע קונסט, ווי שולן און אַ פרימיטיווע פּלאַסטישע קונסט, ווי מצבות א.אַז.וו.

ערשט ביים סוף פון אַכצענטן יאָרהונדערט, האָבן זיך יידן קינסטלער באַוויזן אין די וועלטס גאַלעריעס, אַזעלכע נעמען, ווי יוסף איזראַעלעס דער יידיש האָלענדישער רעמבראַנד פונם ניינצענטן יאָרהונדערט, אַנטיקאָלסקי, פּיסאַרא, מאַקס ליבערמאַן און אַ גאַנצע פּעליאַדע פון יונגערע קינסטלער, ווי שאַגאַל מאַדיליאַני, פּאַסקין, סוטין, סימיאַן סאָלאַמאַנס, דאַוויד באַמבערג, א. וואַלמאַרק, און אַנדערע, וועלכע דער בן אורי, האָט אין פאַרלויף פון די 32 יאָר צוזאַמענגעבריינגט.

בערסאַן האָט זיך נישט אָפּגעצוימט פון פאָלק, דאַריבער איז ער באַלד געוואָרן דער ליבלינג ביים עולם, ווי ער פלעגט תמיד זאָגן, מוזיקער, שוישפּילער, ווערן גיך דעם פאָלקס האַרציקע פריינט, אויב זיי פאַרשטיין נאָר, ווי אָנצורירען די סטרונע פון דער פאָלקס נשמה... נאָר דער מאַלער און דער סקולפּטור זיינען אָפּגעריסן פאַרוואָרפן פרעמד... מחמת די פּאַסיווע באַציאונג מצד דעם יידישן עולם זיינען זיי געצוואונגען זייער גייסט אָנצוווענדען אויף אַנדערע פעלדער, ביז וואַנען זיי ווערן אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון אונז. דער יידישער קינסטלער וואָס שאַפט אין פאַרבן, אָדער אין שטיין, איז פונקט אַזוי נויטיק פאַרן גייסט, ווי דער קינסטלער פון וואָרט.

ס'איז ווירקליך אַ טראַגישער צושטאַנד דאָס אַזאַ וויכטיקער קולטור צווייג ווערט פאַרזען. פאַרוואָס זאָל זיין אַזאַ באַציאונג צו דער קונסט פון מאַלעריי און סקולפּטור ? איז דען נישט די קונסט דער אויסדרוק אין פאָרמען פון דער פאָלקס נשמה. די קונסט דערהויבט דעם מענטש צו אַ שענערן שטייגער לעבן, פאַרפיינערט זיין געשמאַק און לערענט אים, ווי צו פאַרפאָלקאָמען זיין גייסט.

ביים גרינדן דעם פאַראיין האָט ל. בערסאַן באַטאָנט, ווען איך גיי אין די וועלטס ביבליאָטעקן, פיל איך מיך אַלס ייד, שטאָלץ, וויסנדיק דעם גרויסן טייל וואָס מיר האָבן דאָרטן. אָבער ווען איך גיי אין די מוזעאומס פיל איך זיך באַליידיקט, ווייל איך געפין דאָרטן נישט פאַרטראָטן אין אַ גענוגענדע מאָס



דעם יידישן גייסט. מיר מוזן זען פאַר אונז צו שאַפן אַזאַ אינסטיטוציע, דורך וועלכע מיר זאָלן קענען זיך באַהעפטן מיט אַלע שעפערישע יידישע גייסטער, פון אַלע צייטן. דער איצט געשאַפענער פאַראיין בן אורי, וועט זיך מוזן דערהייבן צו די מדרגה.

דער פלוצלינגער און אומגעריכטער אָפּפאָר פון ל. בערסאַן, אינם יאָר ניינצען־זיבעצען, איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַרן פאַראיין. דאָך מיט אַ צוויי יאָר שפּעטער האָט בן אורי באַוויזן צו האָבן אין איר באַזיץ, אַ שיינע קאָלעקציע פון בילדער, צווישן זיי דער איינציקער ייד אין דער גרופּע ענגלישע פּרעראַפּאַליטן, שמואל הירשענבערג, איינער פון די פּאָפּולערסטע מאַלער אין פּוילן, דאַוויד באַמבערג און צוויי סקולפּטורן פון הענריק־גליצענשטיין, דער אין קייטן געקאַוועטער משיח, און אַ קליינע סטאַטוע פון ישראל זאַנגוויל. שוין דאַמאָלט האָט דער פאַראיין זיך געגרייט, צו שאַפן אַ היים פאַר די זאַכן, אַ שפּייכלער, ווו ס'זאָלן צוזאַמענגעבריינגט ווערן די ווערק פון די פאַרגאַנגענע, ווי אויך פון די איצט עקזיסטירענדע קינסטלער אויף איין פּלאַץ.

עס איז כאַראַקטעריסטיש דאָס אין די ערשטע גרויסע וועלט מלחמה, איז דער קונסט פאַראיין געשאַפן געוואָרן, פּונקט דאַמאָלט ווען דאָס יידישע פאָלק איז געווען אַרומגענומען מיט פיל צער און מיט איר בלוט געשריבן נאָך אַ בלעטל געשיכטע פון יידישע צרות. אין אַזאַ בייזע צייט איז געלייגט געוואָרן דער ווינקעל שטיין פאַר די איצטיקע בן אורי קונסט גאַלעריי.

איז עס נישט סימבאָליש פאַר אונזער כאַראַקטער ? דאָס אין די צווייטע גרויסע וועלט מלחמה, ווי מיר שטיין איבער אַ ריזיקן גרויסן יידישן קבר ; ווי דער פאַרמעסט פון אונזערע שונאים איז געווען נישט בלויז אויף אונזער נפש, נאָר אויסשליסלעך צו פאַרניכטן אונזער גייסט, ווי דער חורבן פון יידישן פאָלק, האָט קיין פאַרגלייך אין איר גאַנצע מאַרטירער געשיכטע ; אָט אין דעם גרויסן טומעל איז געשאַפן געוואָרן די איצטיקע היים, וועלכעס איז אַ באַשטענדיקעס אויסשטעלונג פּלאַץ, פאַר די גייסטיקע אוצרות פונם יידישן קולטורעלן שאַפן. דאָס צייגט, אַז אַפילו אין די מאָמענטן פון גרויסע צעטרייסלונגען, פאַרגעסן מיר נישט אונזערע קולטורעלע אויפגאַבן.

עס איז בלי ספק דאָס דער גרינדער און ערשטער דירעקטאָר, ל. בערסאַן, וואָלט זיך שטאַרק געפרייט צו זען די גרויסע יידיש קונסט קאָלעקציע, ווי עס זיינען רעפּרעזענטירט אַ גרויסע צאָל יידישע קינסטלער און גלייך, ווי מען קומט אַריין אין די בן אורי היים, באַקומט מען דאָס געפיל אַז מען איז אַרומגערינגעלט מיט אַ יידישע אַטמאָספערע.

דער קונסט פאַראיין, איז שוין איצט געוואָרן אַ טייל פונם גאַנצן קערפּער, וואָס ווערט אָנגערופן יידיש לעבן. מחמת די גרויסע צאָל קינסטלער, וועלכע זיינען פאַרטראָטן, וואָס לאָזן איבער שפּורן פון זעבאַרע דערגרייכונגען, אין דער געזעלשאַפט, די דערגרייכונגען קענען ווערן באַצייכנט אַלס אַ וויכטיקע קולטור אינסטיטוציע. ס'איז זיכער דאָס די קונסט גאַלערי, וועט אַמאָל דערמאָנט ווערן מיט גרויס חשיבות.

## אברהם פנחס ציקערט

# מאמע

פון דיינע אויגן האָב איך מאַמע־ליכט געטרונקען,
נאָר דיין פנים האָט פון טרויער מיר דערציילט,
ווי ס׳גייען יאָרן ווי די כוואַליעס איבער דיר אַריבער,
ווי ווינט אין גאַסן שלאָגט שטורעמדיק דיין קלייד,
און כ׳האָב פאַרשטאַנען —
פאַרוואָס אַ מאַמע־פנים, מוז צעאַקערט זיין
(פאַר פרוי רבקה דיאַמאַנט — אין פריינטשאַפט)

*　　*　　*

שבת ליכט. — און מאַמע וואָס פאַרמאַטערט שלעפּט זיך דורך וועגן
טראָגט דעם ביסן ברויט פאַר קינדער, וואָס איז צעקרישלט
וואו ערגעץ אויף אַ שטיין, זעצט זי זיך און טיילט אויס מוצא׳ס
און ס׳גיט איר האַנט צו יעדן קינד אַ טייל פון אירע יאָרן. —
נאָך היינט איך זע זי דאָ, מיט בליקן מילדע ווייכע,
כאָטש נאָר אַ חלום ס׳איז — ווייל מ א מ ע איז צו אַש געוואָרן.

זי איז נאָך דאָ; אין רויש פון גאַסן גייט זי נאָך מיין שאָטן,
אין שטילע היים איך הער איר וואָרט גלייך ווי אַמאָל — —
און ס׳פלאָנטערט זיך אַ בילד פון מאַמע צווישן דראָטן,
ביקסן־שאָס און ווילד געשריי מישט זיך מיט איר קול.
מיט איר קראַנקן גוף זי וויל מיך פאַר אַ בייזע זאַך באַשיצן. —
איך זע זי איצט, — ווי אין קינדהייט מיין אַמאָל.

די נאַכט גייט שטיל, צעלייגט זיך ביי די טירן,
און ס׳שלאָפן גאַסן אָפּגערווישטע, מיד פאַרמאַטערט איין,
נאָר פון אַ ווינקל נעמט אַ שאָטן פון אַ בוים זיך רירן
דאָס קומט מיין מאַמעס שאָטן אין מיין שטוב אריין.
זי ברענגט אַ קלאַנג, אַ חלום־שלאָף מיט זיך צו פירן,
זי קומט. — אויס מורא ס׳זאָל איר קינד נישט נעכטיקן אַליין.

זי זעצט זיך נעבן מיר און גלעט מיר אויס די אויגן,
אין פינסטערן חדר רוישט זי לייכט, ווי מאַי גאַנץ ווייכער ווינד,
און לייגט איר האַנט מיר אויפן שטערן, גלייך ווי זי וואָלט פרעגן:
„וואָס איז מיט דיר, פילסט דיך ניט גוט מיין קינד?“
און שטיל די ליפּן אין אַ תפילה זיך באַוועגן,
— פאַרגיב מיר מאַמע, ווייסט דו דען נישט, אַז איך בין פול מיט זינד?



צינדט מיין מאַמע ליכט ביי מיר אין חדר,
פאַרשטעלט איר פנים מיט אַטלאַס ווייכע הענט,
איצט זעצט זי זיך צוריק אין אירע שבת־קליידער
און שמייכלט אַזוי גוטיק: — האָסט מיין קינד מיך נישט דערקענט?
כ׳וויל עפּעס זאָגן, נאָר כ׳שלאָף נאָך איין, איידער כ׳האָב אויסגערעדט
דאָס וואָרט: — מען האָט דיך מאַמע אין אוישוויץ דאָך פאַרברענט.

מיין מאַמע קומט. זי ברענגט אַ בינטל מיט זכרון
און ס׳וואַקסן בלומען, ס׳בליט אַ קווייט אויף נאָך אַ קווייט,
איך רייס די בלעטעלעך פון זיי, פון מיינע קינדער יאָרן
און שפּיגל מיך אין זיי מיט לאַנג שוין אָפּגעדאַרטע צייט — —
און אָט איז אויס — פון בלומען איז אַ בערגל אָפּפאַל שוין געוואָרן,
מיין מאַמע לאַכט: — קינד, זע ווי שנעל די צייט פאַרגייט!

כ׳רייס בלעטעלעך פון די קווייטן. . . .זיי וואונדערלעך פאַרשידן,
זיי מישן אויס זיך אין די פאָרמען, בילד און קלאַנג — —
און ס׳גייען מחנות וועלטן גאַנצע, ס׳גייען דורות יידן.
אַש און ווינט מאַרשירט צו גאָט, דערלייזט פון אייגן ברויכן און פאַרלאַנג
און צווישן זיי מיין מאַמע גייט! און לאַכט אַזוי צופרידן —
ס׳איז נישט מיין מאַמע! אַ בערגל אַש איז עס! נאָך וועלכן ס׳איז מיר
[באַנג.

וואו גייסטו מאַמע זאָג מיר! וואו לאָזטו מיך דען איבער?
מיין מאַמע גייט מיט „ז י י“ איך זע זי אָטעמט שווער,
„איך וויל צו דיר און נאָר מיט דיר, נעם מיך אויך „דאָרט“ אַריבער“!!
מיין מאַמע קוקט אויף מיר און כ׳זע אין איר אויג אַ פּערל־טרער
און אויס. — — — פון בלומען בלייבט קיין זכר אויך נישט אבער
דערנאָך — — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — איך האָב מיין מאַמען נישט געזען שוין מער.

*READ* the ZIONIST REVIEW
*for Reliable Information on Palestine*
4d. per copy　£1. 1. per annum.
75 Great Russell Street. W.C.1

## משה עובר

# לאנג לעבן זאלן שיינע ווערטער!

(פון דער סעריע איבערלעבענישן)

ס'איז נאך געבליבן עטלעכע טעג צו ווייגאכטן, און נאך געהאט גענוג צירונג פאר מאנצפערשוינען און פאר פרויענצימערן, פאר געליבטע און פאר געהאסטע, ווי אויך פאר פריילידיקע! ס'האט מיר אבער שוין אויסגעפעלט שיינע ווערטער.

די אלע אלטע שיינע ווערטער זיינען שוין געווארן אויסגעריבן, זיי זיינען שוין אראפ צו גלאטיק פון דער צונג, אזוי דאס זיי האבן שוין קיין ווירקונג געהאט אויף די פאטענציעלע קונים, און ס'איז א כלל גדול בישראל, בפרט ביי די אומות העולם, אז די בעסטע אנטיקן און טייערסטע אמת'ן אפילו, פארקויפן זיך נישט אן קיין שיינע ווערטער.

טא וואס טוט מען?

— אפעלירט מען צום גורל. שיקט ער מיר אריין א ליטעראַרישע פריינדין. דערציי̇ל איך איר פון מיין פארלעגנהייט, ווייז איר אז צירונג פעלט מיר אן עין הרע נישט. אנטיקן האב איך אין זיי עלטערן זיך ב"ה יעדן טאג. נאר איך בין געבליבן אן פרישע אדיעקטיוון. ס'איז מיר שוין מיאוס און מאס צו האלטן אין איין איבערחזרן: „פראכטפול, וואונדערבאר, פאבעלהאפט".

זאגט זי, זי האט א פלאן! — זי האט צופיל אדיעקטיוון, און זי נוצט זיי אוים אויף הבל־הבלים ווייל זי ווייס ניט וואס צוטון מיט זיי. נאר פאר איר נייען ווייגאכטס שווארץ קלייד האט זי נישט א פיצעלע צירונג, און זי זעט אוים ווי אן אויוון אן א פונק, א נאכט אן א שטערן רח"ל. אויב, זאגט זי, איך וועל איר אויסבארגן א שיינעם גארניטור יאוועלען וועט זי שוין פאר מיר געפינען בלאנק נייע, בלישטשנדע, קלינגענדע, נאך קיינמאל נישט גענוצטע ווערטער פאר וועלכע מיינע קונים וועלן משוגע ווערן!

זי גייט אהיים און קומט באלד צוריק מיט א ליסטע פון צוואנציק אדיעקטיוון, צאפלדיקע ווי העכטן, אט ערשט וואס געכאפטע אין ים פון אקספארד ווערטער־בוך. איך לייג זיי אויף מיינע לעפצן און פיל זיי זיינען אלע פריש און געשמאק. גיי איך און בארג איר אוים א גאנצן גארניטור גראנאטן געפאסט ביי א קינסטלער אין ריין גאלד, און זיי האבן פונקט גע־פאסט אירע שווארצע אויגן, געפאסט ביי א מייסטער אין א גאלדענעם קאפ האר.

מיינע קונים האבן זיך פשוט מחיה געווען מיט די „גלאמעראס" אדיעק־טיוון, און זי האט זיך געפילט ווי געזאלבט דורך דעם צירונג.

דער אומגליק איז וואס אויך די שענסטע ווערטער לעבן נישט אייביק.



די ליטעראטור נאשט אוים איין העלפט און די צווייטע העלפט פארציקט דער האנדל, און וואס בלייבט? — גארנישט.

און אן שיינע ווערטער קען דאך אן אינטעלעקטואל נישט לעבן טא וואס טוט מען ווייטער?

האב איך ווייטער אפעלירט צו מיין געטרייען, פריינדלעכן שיקזאל. האט ער מיר אהערגעבראכט פון די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע דעם אויבערמענטש, מיליאנער. געפינט ער מיך אין א זער פאטעטישן מצב. פרעגט ער מיך מה היום מיומים? פאר וואס ביסטו עפעס אזוי, באטריבט? דערציי̇ל איך אים די גאנצע געשיכטע, ווי אזוי איך בין געבליבן אן איין אריגענעלן אדיעקטיוו, און אן דעם קען איך נישט האנדלען פראפיטאבל, און נישט שרייבן קיין גוטע ביכער נישט אפילו א פאסט־קארטל, וואס זאל האבן א טעם.

דער אויבערמענטש איז געווען אזוי פול מיט לעבן, געלט און הומאר, אז ער האט ניט געדארפט קיינע אדיעקטיוון פאר זיין עקזיסטענץ. האט ער זיך אויסגעלאכט פון מיר אזוי גרוים ווי ער איז און אזוי קליין ווי איך בין.

ווען ער האט שוין געהאט אויסגעליידיקט א פולן זאק מיטן קלימפער־דיקן גאלד און זילבערדיקן געלעכטער — מאכט ער צו מיר אזוי:

— הער אוים א מעשה, גאראנטירט פאר צוויי יאר, אז עס איז א אמתע מעשה.

א שרייבער איז געקומען צו א פארלעגער מיט א שפאנענדן ראמאן, ווי דער העלד פון בוך האט זיך באלד אין ערשטן זייטל א מעשה אנגעטון.

פרעגט אים דער פארלעגער:

— וואס פאר א בוך איז עס?

— וואונדערבאר! — ענטפערט דער שרייבער.

— איך דארף עס נישט! — זאגט דער פארלעגער.

— עס איז פאבעלהאפט!! — שרייט דער שרייבער.

— איך דארף עס נישט!!! — שרייט דער פארלעגער

— עס איז פינאמענאל!!!! געטלעך!!!!! — שרייט דער שרייבער נאך העכער.

כאפט דער פארלעגער אן דעם שרייבער ביים שמוציקן קאלנער און ווארפט אים ארוים מיטן מאנוסקריפט.

אז דער שרייבער איז שוין געווען פון יענער זייט טיר רוימט ער איין דעם שליסל־לאך:

— עס איז גוט.

— קום אריין! — ענטפערט דער פארלעגער, עס איז פונקט וואס איך דארף.

דער פארלעגער האט אפגעדרוקט דאס בוך און געמאכט דערפון א פאר־מעגן. דער שרייבער האט נישט געהאט וואס צוצולייגן...

פון דער מעשה האָט זיך דער אויבערמענטש, אויבערמענטשלעך צע־לאַכט, און אין מיטן, האַסטיק איבערגעבראָכן זיין געלעכטער, כדי מיר צו־געבן זיין אַדרעס אין דער שווייץ ווי ער פליט אַהין אין אַ שעה אַרום. און מאָמענטאַל זיך ווייטער באַהאַפטן מיט דעם ניט געענדיקטן געלעכטער, און קוים געענדקט האָט ער שוין געגעבן אַ קלאַפּ צו די טיר, און ענטקומען.

*　　*　　*

דעם זעלבן טאָג ברענגט מען מיר אַריין אַ גרויסן רובין. גרויס און רויט ווי אַ ליידנשאַפטלעך אויג.

איך האָט זיך געקאָנט באַגיין אָן דעם רובין. ווייס איך דען נישט פון אַ ספר וואָס איז רויטער און ליידנשאַפטלעכער? און געלט האָב איך גע־דאַרט פאַרן לעבן פון האַנדל און פאַרן לעבן פון ליטעראַטור, און פאַר סתם אַזוי.

טאָ וואָס טוט מען איצט?

גייט דער קרעמער און קלאַפּט דעם אויבערמענטש אין דער שווייץ אַ טעלעגראַמע בזה הלשון:

— ווי דו ביסט נאָר אַרויס איז אַריינגעקומען אַ רובין גרויס ווי אַן אויג. רויט ווי אַ שלאַכטספעלד. אים געקויפט פאַר טויזנט פונט. וואונדער־באַר. פאַבעלהאַפט, פענאָמענאַל, געטלעך, גוט. פאַר דרייצן הונדערט פונט איז ער דיינער.

גייט דער אויבערמענטש און קלאַפּט צו דעם קרעמער אין לאָנדאָן צוריק אַ טעלעגראַמע:

— פונקט וואָס איך דאַרף.

איר זעט אַדיעקטיוון צאָלן זיך זער גוט.

## ש. זאַלקין

### זומער ליד

אַ זומער ווינטעלע עס שטיפט
מיט וואָלקענדלעך און זאַנגען
און ווי אַ רעגענדל עס טריפט
אַריין אין האַרץ געזאַנגען.

אַ הייליק יום־טובדיקע פרייד
עס שטראַלט אַרויס פון אויגן
אַ בלאָע חופה איז צעשפרייט
מיט סטענגעלעך באַצויגן.



אויף יעדער סטענגעלע אַ בלום
פאַר יונגינקע מלאכים
וואָס צינדן אָן מיט גאָלד די זון
און צו גאָט ברענגען שבחים.

נאַנץ פרי באַגינען און פאַרנאַכט
ווען פויגלס זיסע קלאַנגען
שאַלן הויך אויס זומערס פראַכט
און זוניקע פאַרלאַנגען.


„די צייט"
געגרינדעט אין 1913 פון
מארריס מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאַנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)

אילוסטרירטער
טעאַטער שפיגל

חודש־זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פון „פאָלקס־הויז" (בית־עם) און פון נייַ־אידיש־טעאַטער אין לאָנדאָן. אין יעדן נומער דערשיינען אַקטועלע אַרטיקלען און ידיעות, וואָס זענען נוגע דעם יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן און אַנדערע לענדער.

פרייז פון 1 נומער: 1 שילינג
אַדרעס :—

"THEATRE MIRROR"
Adler Street, London, E.1
England.

Telephone : — BIS 1320.

## א. נ. שטענצל

# סאנעטן טריפטיך

1

צוויי טראַפּנדלעך בלוי פונם הימל אַראָפּ
האָבן אַראָפּגעטריפט דיינע קלאָרע אויגן,
און ווען געוואָרן מיט אומעט איבערצויגן —
געשוועבט ס'האָט אַ כמאַרע שווער איבער מיין קאָפּ.

נישט פאַרלוירן ס'קאָן גיין פון הימל אַ טראָפּ
אויף אַן עוקצל געמאָסטן און געוויגן — —
די טראָפּנדלעך אין מיר טיף אַריינגעזויגען,
און געשפּירט אַ רגע די הימלישע גאָב.

קאָן מען דען דעם הימל זען פון אַזוי ווייט?
אַ שוועבנדיקע ליבלעכקייט אויסגעשפּרייט,
פון דיינע בליקן ס'איז איבער מיר געקומען.

אָ, וואָסער אומעט ס'מוז דאָס איצט אין זיי זיין!
דער הימל אַזוי בלוי, אַזוי לייטער ריין,
און מיין קאָפּ פון כמאַרעס שווער אַרומגענומען.

2

אין מיינע טרערן איבערלאָפּענע אויגן
שפּיגלט זיך מוטנע דער הימל אַצינד אָפּ,
און מיט יעטווידער טרער פאַלט ער מיט אַראָפּ,
אַ בלוי צעביילטער, צעבראָכען און צעבויגן.

און נישט גרינער צווייג — זיין שאָטן גרוי צעצויגן
הענגט מיר באַלאָדן איבער מיין דולן קאָפּ;
און נישט אַ טשוויטשער־פייגל — אַ שוואַרצער ראָב,
מיט איר פינסטערן קראַ קראַ ס'איז אויפגעפלויגן.

אַז פול מיין געמיט מיט טויטן אַזויפיל,
איז גאַנצער אַרום אַ שוואַרצער קרעפּ געהיל,
מיט מאָרע געגלאַנץ פון שוועבנדיקע ראָבן;

אַז מיט אַזויפיל צעצאַפּלטן אויסגיין
אַ ברידער־קבר מיין הארץ זאָל קענען זיין,
ווי טיף און ווי פינסטער מוז איך עס צעגראָבן.



1

די ערד איז אויפגעבראָכן צו פרישן פאַרזוי,
און די ביימער שטייען שוין אין ליכטיקן צוויט.
נאָר מיין הארץ אַ ברידער־קבר לעבעדיק פאַרשיט,
צו ווערן דערשטיקט נ'מיטן פון זיין געשריי.

אָבער האָט זיך נישט פון מיטן אַ מתים־ריי
אויפגעכאַפּט ווער מיט פאַרטייעטן שטילן שריט,
טראָגנדיק די בלוטיקע וואונדן מיט זיך מיט,
איז ער אַ לעבעדיקער פאַשוואונדן פון זיי?

און איז פאַר מיין הארץ נישטאָ מער קיין וואוהין?
אָ, דאָס צערטלעכע און דאָס וואונדערלעכע גרין
ווי קאָן עס היילן מיינע פאַרוואונדעטע אויגן,

און מיט יענער סאָסנע דאָרט שלאַנק אַזוי און גראָד,
אינם שאָטן פון איר שטרעקנדיקע גענאָד,
דאָס געקרים אין מיין רוקן — ווערן אויסגעבויגן.

2

נישט די פרילינג זון טראָג איך אויף מיין קאָפּ נאָך מער,
און אונטער מיין טראָט גייט נישט אויף פאַרזוי פון קערנער;
פאַלנדיקער טוי־טראָפּ אויף ברענענדיקע דערנער,
אין מיין שגעון־בליק די ברענעדיקע טרער.

און דאָס פייגל־געטשוויטשער איצטער וואָס איך הער —
טאַנצנדיקע שדים, אַ ביק צווישן די הערנער!
פאַר אַ נקמה־טראַכטער, אַ גרים-צאָרן-צערנער
דער הערלעכסטער אַרום פאַר אים, וואָס שוין דער מער?

אָ, דאָס צאַרטע מאַנדל־צווייגל אין פרילינג זוינט,
פון פייגל אין לופטן מיט פליגעלעך געשפּינט,
נישט מיט ציטערדיקער פרייד איז עס צעוואונקען,

און נישט אויפגעגאַנגען מיט קומענדיקן גליק —
אַ רויט טוך צעפּאָכעט פאַר מיין שגעון בליק,
אין אונזער אומזיסט פאַרגאָסן בלוט איינגעטונקען — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

1

פאַר צוועלף מיליאָן אויגן שערבעלעך ס'זאָל זיין,
הימל איבער מיר אויף שאַרבן כ'האָב צעבראָכן ;
יעטווידן בוים מיט וואָרצל אַרויסגעשטאָכן,
א „דופן־ברעט" כאָטש פאַר יעדן מת אַליין.

אָ, אַלע געקוילעטע זאָלן אַריין,
גאַנצע ערד איין ברידער־קבר אויפגעבראָכן !
און זון, איבער בערגל פאַרוועלקטע מאָכן,
די איינגעזונקענע מצבה בלייבט שטיין.

און פאַר קראַנץ אויף קבר אַנידערצולייגן,
אַלע בלומען, אַלע בליטן פון די צווייגן —
קריעה־רים מיין לאַץ, קיין בלום אַריינצושטעקן !

פון צעבראָכענעם הימל צוויי שטיקלעך שאַרבן
געבליבענע פאַר מיר — נישט ווען איך וועל שטאַרבן,.
ביי מיין לעבן שוין די אויגן צו פאַרדעקן.

2

אָ, אַז נאָר געשפיגלט אין מענטשלעכע בליקן,
דערזען איך קען דעם הימל אין דעם אָרום ;
און פויגל־געטשוויטש און בינען־געזשום
און קונציקער־געטאַנץ געטורעמט פון מיקן,

אין הענגענדיקע גערטנער אַרקאַדיען בריקן,
ווען האַרץ צו האַרץ מיט פליסטערדיקן אָנקום — —
אָ, אויפגעריסענער תהום אומעטום !
פנים אל פנים נאָר דעם טויט צו דערבליקן !

און די נעכט פון פינסטערע כמאַרעס געשפינט :
איבער אַ וויגל מיט געקוילעטן קינד
עס בויגט זיך טיף אַ מאַמע עס אָפּצוזויגן —

ווי אויסטערליש ווילד, ווי שרעקלעך זי שפּרינגט אויף — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
פון לבנה אַרויס אין איר וויטן לויף,
קיקן אויף מיר בלוי פאַרלאָשן דיינע אויגן.



# קאָנסטעלאַציעס...

1. לכבוד ל״ג-בעומר

נישט פון די שטערן אַרויסצולעזן,
וואָס קומען עס גייט און וואָס עס וועט ווערן,
פון הימל אַראָפּ ס'איז דער גרויסער בער,
זיך באַהאַלטן אין נאָרע צווישן בערן.

דאָס ביסל לעבן זיינס צו דערהאַלטן,
די לאַפּעס זיינע ווי אייטערס צעזויגן !
און פון אַ שטורעם־בליץ ר'איז געטראָפן,
דער אָדלער אין זיין לעצטן פלי געפלויגן.

אָ, אַז מזל תאומים אויף אַלע מערק
שטייט אַ געפאַנגענער שקלאַוו צווישן שקלאַוון,
ווי אַזוי פון שטערן אַרויסלעזן —
פון אותיות געפינטלטע אין טראָפן ?

אין דער הייל פון רבי שמעון בן יוחאי
אָן אַנדערע חבריא איצט באַהאַלטן,
נישט מיט מעשה־מרכבה־אותיות
פלאַטערן אויף זייערע שטערן־פאַלטן ;

אויף לעצטן ראָד פון הימלישן וואָגן
קצו של יידן אין מעסערס צעשליפן,
און פון קעפּ אָפּגעהאַקטע, פון הענט־נ'פים,
זיי ליינען אַרויס ווי פון הערן־גליפן :

פון הימל אַראָפּ געמוזט ס'האָט דער טלה,
אַז מיט לייב ער זאָל זיך פיטערן קענען !
אויף הימל אויבן ווער ברויך דען פאַשע ?
אָבער איצט אַז אויף ערד ביידע זיי זענען — — —

און אַז ציינער און גראַטשעס ס'האָט דער לייב,
האָט שעפעלע הערנער אַריינצושטעכן !
און מיט סוד הצמצום יעדער אַטאָם,
מיט שפע פאַר אַלעמען אויפצוברעכן.

מיט אות־געקניפ און מיט ציפער געקרייז
מיט געטורעם פון געהירן־אנטענען,
דעם אויפגעריסענעם וויסטן כאאס
ווי מיט א לאסא איינפאנגען צו קענען —

אויפן פיגאז, אין צעברויזטן גאלאפ,
פליט פלינק אוריאן מיט זיין פייל און בויגן,
אין צעניט די זון זיין ציל־פונקט אצינד,
ער האלט זי שוין אין זשמור פון זיינע אויגן.

ווי געשפיצט זיי זיינען און ווי געשפאנט,
צוזאמען מיט זיין פייל אין ציל צופליען,
און אן אראפגעשאסענע די זון
דעם רינג מזל שור דורך די ליפ צו ציען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אז הויט און ביין בלויז ס'איז שעפעלע,
טא צי וואס קאן א פאנג אזא נאך טויגן?
ס'וועט פאר אוריאן, דעם יעגער שיסער,
א שאד זיין דעראויף איין פייל פון זיין בויגן.

א חוץ, פון זיין אויסגעמארעטער הויט
געווירעטן פארמעט דערפון צו גארבן,
און אויפשרייבן דעראויף לעצטע ווערטער,
פון פארמענצטע שעפעלע פארן שטארבן:

ווייל אויף הויט פון שוואכיקן לעמעלע,
מיט זיין בלייך בלוט דעם „לא תרצח" געשריבן,
צערייסט זיך לייכט דערפאר די יריעה,
און די בלאסע אותיות אפגעריבן.

ווען אויף דער געגארבטער פעל פונם לייב
עס וועט דער לא תרצח געשריבן ווערן,
מיט זיין זידיק בלוט רויטן צעשוימטן,
ערשט דעמלט וועט דאס געקוילע אויפהערן.





# אויפן ראנד פון א מצבה

ווענן יזכור־בוך, צום אנדענק פון 14 אומגעקומענע פאריזער יידישע שרייבער
ארויסגעגעבן פון פארלאג „אויפסניי", פאריז.

## א.

נישט קיין קריטיק און נישט קיין רעצענזיע וויל איך וועגן דעם דאזיקן הייליקן ספר שרייבן — ווארום שרייבט מען דען קריטיקס און רעצענזיעס איבער מצבות?... צו א מצבה גייט מען אוועק אויף קבר־אבות, און ביי דער מצבה שטעלט מען זיך אוועק אין א טיפן שווייגן, מען טוט זיך אויס פון דעם גאנצן ארום, און אונדזערע געדאנקען באהעפטן זיך מיט דעם עבר, מיט דעם, וואס איז געווען און וואס איז שוין פארגאנגען — מיט דעם נאענטן און טייערן, וועלכער רוט אונטער דער דאזיקער מצבה זיין אייביקע רו...

ווי ווייט פארן קרובים, אפט אזש אין מעבר־לים, נסיעות, וועלכע דויערן וואכן לאנג — כדי זיך אוועקצושטעלן ביי אזא מצבה פון א נאענטן בלויז אויף א פאר מינוט, אויף א קורצער ווײלע צו פארגעסן אין אלץ און אין אלעמען, און צו זיין אין אונדזערע מחשבות מיט דעם, וועמען מיר האבן געשעצט און פארערט ביי זיין לעבן...

אבער די רוצחים פון אונדזער אטאם־אלטערלעכער צייט האבן אונדז, די איבערגעבליבענע, אויך אט די מעגלעכקייט צוגענומען. דער גרעסטער טייל פון אונדזערע נאענטע און טייערע איז אוועק מיטן רויך און דאס ביסל אש זייערס איז אוועקגעלאזן געווארן מיטן ווינט... און נישטא קיין זכר, קיין קבר און קיין מצבה פון דעם גרעסטן טייל פון כמעט א גאנץ פאלק וואס איז אזוי אכזריותדיק פארטיליקט געווארן...

לאזט דאס אונדז — די פאר געבליבענע — נישט איינרוען... די מיליאנען קרבנות, וועלכע זענען נישט געקומען צו קבר־ישראל פליען ארום אין דער לופט, די לופט פון דער וועלט איז פול מיט אונדזערע טאטעס, מאמעס, שוועסטערן און ברידער, און דאס לאזט אונדז נישט קיין רו... דאס צעשטויבטע אש פון אונדזערע קדושים לאסטעט אויף אונדזער געמיט בייטאג, ווען מיר וואכן, און פארוואנדלט זיך אין חלומות און אין קאשמארן, ביינאכט, ווען מיר שלאפן... און עס ווילט זיך אונדז אזוי האבן עפעס אן אוהל, א בערגל, א קבר א מצבה, צו וועלכער מיר זאלן קענען קומען זיך מעלדן — אנקלאפן דריי מאל און זאגן: איך, פלוני בן פלוני בין דא!... — — —

האבן טאקע די פאריזער לעבן־געבליבענע שרייבער, גלייך ווי זיי זענען נאר באפרייט געווארן פון זייערע שטעכל־דראטענע, ממעמקים־דיקע און אריש־פארמאסקירטע געפאנגענשאפטן, גענומען שלעפן א שווערן, גאר שווערן בלאק פון דעם שענסטן מארמאר, פון דעם שענסטן גראניט וואס זיי האבן נאר געקענט געפינען, האבן זיך טובל געווען אין זיבן מקוואות, און מיטן גרעסטן

יראת־הכבוד, האָבן זיי גענומען אויסקריצן אָט די פערצן נעמען פון די פערצן קדושים פען־קאָלעגן, וואָס זייערע לעבנס זענען פאַרשניטן געוואָרן אין סאַמען בלי פון זייער שאַפן. און אַזוי ווי קיין קבר איז נישטאָ, און אַפילו קיין אייגענעם שפאַן ערד האָבן מיר נישט וואו אַוועקצושטעלן באַדיי סימבאָליש אַ דענקמאָל —. האָט מען אויסגעקליבן דאָס בעסטע אָרט וואָס מען האָט נאָר געקענט אויסקלויבן — דאָס ספרים־שענקל — און דאָרט האָט מען דעם מאָנומענט, די מצבה פאַר די פערצן אומגעקומענע יידישע שרייבער אַוועקגעשטעלט. זאָלן די הענט פון די וואָס האָבן דאָס געטאָן זיין געבענטשט ! — — —

טו איך טאַקע איצט, פאַר אָט דער פרעכטיקער מצבה, אין גרעסטן יראת־הכבוד זיך אַוועקשטעלן, איך נעם צענויף מיינע געדאַנקען, און טראַכט וועגן די פערצן פאַריזער טייערע פריינט און פען־קאָלעגן מיינע, וועגן זייער לעבן און שאַפן, און וועגן דעם בייזן שטורעם וואָס האָט אָנגעיאָגט פון מערב און האָט זייערע פערצן יונגע לעבנס אויף אייביק פאַרשניטן... עס איז גענוג אַז איך זאָל צומאַכן די אויגן און אַלע זענען זיי שוין לעבעדיק אין מיין זכרון.

ב.

ווען וועלט איז געווען וועלט — זענען די פאַריזער יידישע שרייבער געווען צווישן זיך, ווי עס זענען געוויינטלעך מענטשן, און בעיקר, ווי עס זענען אין רוב קינסטלער און באָהעמע־לייט. מען איז — עס זאָל זיי צו קיין גנאי נישט זיין — נישט געווען פריי פון קנאה אויף דעם אַנדערנס אַ שטיקל דערפאָלג, מען האָט אָפט איינער דעם אַנדערן אַ קיבעץ געטאָן, סיי בעל־פה און סיי בכתב, אָבער גלייך ווי עס האָט זיך נאָר דערנענטערט די סכנה און מען האָט דערשפירט דעם ריח פון בלוט, וואָס דער וואָלף האָט פון זיינע שוין אומצאָליקע פאַרצוקטע קרבנות מיט זיך געטראָגן — האָבן זיך די זעלבע פאַריזער פען־קאָלעגן צענויפגערוקט, צענויפגעטוליעט, ווי שעפעלעך פון איין סטאַדע ווען זיי דערשמעקן אַ וואָלף אין דער נאָענט... און נאָך דער גרויסער שחיטה, ווען די וועלכע זענען ניצול געוואָרן זענען צוריקגעקומען — האָבן זיי נאָך שטאַרקער דערפילט זייער עלנט, ווארום חוץ דעם, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי האָבן מער נישט אָנגעטראָפן זייערע נאָענטסטע, זייערע פרויען און קינדער און זייערע היימען — האָבן זיי שוין אויך מער נישט געטראָפן זייערע קאָלעגן...

און אַ פוסטקייט, אַ ליידיקייט, איז געווען אַרום זיי... נישטאָ שוין מער מוניע נאַדלער — דער תלמיד־חכמדיקער, ישיבה־בחורישער רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז מקרב יעדן נייעם טאַלאַנט, פירט אים אַרויס אין דער עפנטלעכקייט און דערמוטיקט אים צום ווייטערדיקן שאַפן... נישטאָ שוין מער אהרון בעקערמאַן — דער גרויסער מתמיד, וועלכער האָט, נאָך טעג שווערער אַרבעט אין וואַרשטאַט, זיינע נעכט פאַרבראַכט מיט פאָרשן דאָסטאָיעווסקין, אַנאַטאָל פראַנסן, עמיל זאָלאַן און זייערע אומצאָליקע העלדן, כדי זיי אויסצוטייטשן פאַר דעם יידישן לייענער, און וועלכער איז געווען דער פריינט או׳ חבר פון



אַלע שרייבער און קינסטלער... נישטאָ שוין מער וועוויאַרקע, מיט זיין ליטעראַרישער שטוב, וואו עס זענען כמעט תמיד געזיצן עטלעכע שרייבער, קינסטלער, אָדער אַקטיאָרן, און וואו מען האָט געטעמט מיט יידישער ליטעראַטור כמעט פיראונצוואַנציק שעה אין מעת־לעת... נישטאָ שוין דער שטילער, צאַרטער און קינדישער דוד פליסקין, מיט זיין שטוב, וואו שרייבער זענען זיך צענויפגעקומען... נישט געווען ביי אונדז אין פאַריז קיין טלאַמאַצקע דרייצן — האָבן מיר געהאַט עטלעכע אַזעלכע טלאַמאַצקע דרייצנס בזעיר אנפין : ביי בעקערמאַנען, ביי פליסינען און ביי וועוויאַרקען. — — —

ג.

און זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן צו גוטן אויך די פרויען פון די יידישע שרייבער : איך ווייס נישט, אויב שרייבער פון די אַנדערע פעלקער האָבן אַזעלכע פרויען ווי עס האָבן דער רוב יידישע שרייבער... זיי זענען אַ דירעקטער המשך פון אונדזערע באָבעס און פון אונדזערע מאַמעס, וועלכע האָבן זיך אינגאַנצן אָפגעזאָגט פון עולם־הזה, האָבן זיך איינגעשפאַנט אין דעם שווערן יאָך פון לעבן און האָבן אים געשלעפט — דעם דאָזיקן יאָך — כדי די מענער זייערע, די תלמידי־חכמים, זאָלן קענען עוסק זיין אין תורה... און כאָטש זיי זענען זיך געווען באַוואוסט, אַז די מענער זייערע דערוואַרט דאָרטן אַ שטול אין גן־עדן, אויפן סאַמע אויבנאָן, ביי דער זייט פון די גרעסטע, פון אברהם יצחק ויעקב, און זיי — די ווייבער זייערע — וועלן נישט זיין מער ווי זייערע פוסבענקעלעך — האָבן זיי זיך דערמיט באַגנוגנט...

איינע אַזאַ פרוי איז געווען גיטעלע, די פרוי פון וועוויאַרקע. וואָס פאַר אַ שווערע אַרבעטן האָט זי אַלץ נישט געטאָן, כדי איינצושאַפן דאָס ביסל פרנסה אין שטוב אַריין און איר מאַן זאָל קענען עוסק זיין אין ליטעראַטור. ווי אַ מאַמע איז זי געווען צו איר אייגענעם מאַן און ווי אַ מאַמע אויך אָפט צו עלנטע, אָרעמע קינסטלער. וועלכער יידישער שרייבער, קינסטלער, אַקטיאָר, סטודענט, וואָס האָט געלעבט אין פאַריז, געדענקט דאָס נישט פרוי וועוויאַרקעס „סטודענטן־רעסטאָראַן" אינעם לאַטיינישן קוואַרטאַל ?... עס איז דאָרטן געווען כל דכפין ייתי ויכול... אָבער אויך שפעטער, און ביז צו דער לעצטער צייט, האָבן אָפט הונגעריקע קינסטלער אַראָפגענידערט פון מאָנפאַרנאַס, זענען געקומען אין וועוויאַרקעס גאַסטפריינטלעכער שטוב, וואו עס איז געווען אַן אָפענע טיר, אַ זיכערער אַדרעס. דאָרט האָט מען זיך צוגעזעצט צום טיש, מען האָט געשמועסט וועגן ליטעראַטור און קונסט, און אַזוי שמועסנדיק, דער מאָנפאַרנאַסער האָט נישט געוואוסט פון ווען און פון וואו, און אַ טעלער פאַרענדיקטע טאָמער האָט דער גאַסט געפרואווט זיך ווערן, ווי דער שטייגער אָפט פון זופ און אַ ברויט מיט אַ מעסער זענען שוין אויסגעוואַקסן אונטער זיין נאָז, און מענטשן, וועלכע ווילן נישט מודה זיין אַז זיי זענען הונגעריק — איז געווען אומזיסט זיין מי — קיין הונגעריקער צוריק פון גיטעלעס שטוב האָט מען ניט געטאָרט אַוועקגיין...

ביז צום סאַמען אַריינקומען פון די דייטשן אין פאַריז, איז ביי וועוויאַרקען

אין שטוב געווען דער טרעף־פּונקט פון יידישע שרייבער. און אַז פּאַריז האָט גענומען לויפן, כדי נישט אַריינצופאַלן אין די דייטשנס הענט — זענען יידישע שרייבער, טאַקע פון וועוויארקעס שטוב, מיט קלומעקלעך אויף די פּלייצעס אַרויס און בחברותא האָבן זיי זיך געלאָזן אין דעם טרויעריק־באַרימטן „עקזאָד“ פון יוני 1940.

אויך אין דער „פרייער זאָנע“ האָט וועוויארקע, מיט דער הילף פון זיין פרוי איבערגעפלאַנצט זיין ליטעראַרישע שטוב. דאָרט האָט מען ווייטער געשריבן, פאָרגעלייענט און דיסקוטירט ליטעראַטור. דאָרט קומען זיך אָפּט צונויף: דער ניצער מאלער בערמאַן, דער פּאַריזער קונסט־קריטיקער כיל אַראָנסאָן, דער טעאַטער־מענטש שמחה שוואַרץ, וגם אני הקטן — דער שרייבער פון די שורות, בין דורך דער משפחה וועוויארקע אויפגענומען געוואָרן מיט אָפענע אָרעמס, ווען עס האָט מיר אָפּגעגליקט צו אַנטרינען פון דעפּאָרטאַציע און בין אָנגעקומען אין ניצע. אַ שטיקל ברויט צו יענער צייט אין ניצע, איז געווען מיט גאָלד צוגלייך. ביים פּרעכטיקן ברעג פון דעם אזיר־בלויעם ים־התיכון, אונטער דעם שענסטן, העל־בלויעם, דורכזיכטיקן ניצער הימל, און אונטער די שאָטנס פון די דופטיקסטע פייגן און פּאָמעראַנצן־ביימער, איז מען אַרומגעגאַנגען מיט אַ ליידיקן מאָגן און מען האָט געחלומט וועגן אַ שטיקל ברויט, אָבער טאָמער האָסט דו נאָר אָנגעשריבן עפּעס אַ גוט ליד אָדער אַ גוטע נאָוועלע און זי פאָרגעלייענט ביי וועוויארקען — האָט גיטעלע אַ זאָג געטאָן: „נו, פאַר דעם זענט איר ווערט אַ גוטן האָנאָראַר!“ — און גלייך האָט זי אונטערגעטראָגן דעם „האָנאָראַר“ — אַ מוציא־ברויט וואָס זי האָט ממש אָפּגעשפּאָרט פון אירע קינדער. — — —

ד.

נישטאָ שוין מער וועוויארקע און נישטאָ שוין מער גיטעלע. די געטרייע באַגלייטערן האָט וועוויארקען אויך אויף דעפּאָרטאַציע באַגלייט, און ביידע האָבן זיי זיך שוין מער נישט אומגעקערט... און אַלץ אין מיר שרייט אויס און פרעגט: פאַרוואָס?!... פאַרוואָס?!... פאַר וועלכע זינד?!... מיט וואָס האָבן זיי זיך פאַרזינדיקט?!... און מיט וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט דער שטילינקער, דער צאַרטער דוד פליסקין, וועלכער איז ביי זיינע עטלעכע פופציק יאָר געווען אַזוי שטיל, באַשיידן און פאַרחלומט ווי אַ קינד, ווי אַ שטעטלדיק חדר־יינגל?... און זיין ליבע פרוי, וועלכע איז אויך געווען איינע פון די פרויען, וועלכע האַלטן ערלעך זייער מאַן, דעם תלמיד־חכם, און וועלכע האָט געמאַכט אַ סוף צו איר לעבן ווען מען האָט איר מאַן צוגענומען; און דזשאַלאָווסקי — דער בלאַסער, קראַנקער פּאָעט; און יאַנקל שפּאַן — מיט זיין געהאַמערטן, רעוואָלוציאָנערן וואָרט; און דוד קוטנער — דער זשורנאַליסט און אַרבעטער־קעמפער; און ברוך ווינאגורא — דער ליטעראַרישער עסטעט; און חנה קאָוואַלסקאַ — די רבנישע טאָכטער, די יידישע מאלערן און שרייבערן; און דער יונגער, בלאַסער, פּילצוזאָגנדיקער נאָוועליסט יאָסל צוקער; און עוזר וואַרשאַווסקי — דער גרויסער טאַלאַנט, וואָס האָט געשפּילט אַ ברוגז מיט דער יידישער לי־



טעראַטור? און אַלע אַנדערע?... אַ גאַנץ ניי יזכור־בוך וואָלט מען דאָך געקענט וועגן יעדן איינעם פון זיי אָנשרייבן! אָבער מיר ווילן דאָס נישט טאָן, ווייל עס איז נישט נויטיק, ווייל עס האָבן דאָס שוין געטאָן, און באמת בשלומות געטאָן, די עטלעכע פּאַריזער פען־חברים וועלכע דער גורל האָט באַשטימט צו בלייבן לעבן. אַ מצבה — אַ פּרעכטיקע, אַ שווערע, אַ וואָגיקע, פון דעם שענסטן גראַניט האָבן זיי אויפגעשטעלט, און זיי האָבן אויף איר אויסגעקריצט ווערטער, פּראָסטע פשוטע — אָבער דאָס זענען דברים היוצאים מן הלב.

זאָל מיר, וועמען עס איז, מחמת איך בין נאָך ביזן היינטיקן טאָג אַן אויסגעוואָרצלטער אין גלות און אונטערוועגס, נישט באַשערט געווען צו העלפן שלעפּן דעם שווערן גראַניט־שטיין צו דער מצבה פון מיינע טייערע פּערצן פּאַריזער פריינט און פען־קאָלעגן — דערלויבט זיין אויפצוקריצן אויפן ראַנד פון אָט דער מצבה אָט די פּאָר ווערטער:

פריינט טייערע! קאָלעגן טייערע! אויף אַ נידעריקן בענקעלע זיץ איך איצט שבעה נאָך אייך, און אין מיינע הענט האַלט איך צעעפנט דאָס יזכור־בוך וואָס דאָס פאַרבליבענע הייפל פּאַריזער־שרייבער האָבן צו אייער הייליקן אָנדענק אַרויסגעגעבן און איך פאַרזיכער אייך, אַז קיינמאָל וועל איך אייך ניט פאַרגעסן, אַז אייער הייליקער אָנדענק וועט אייביק בלייבן אין מיין זיכרון, צוזאַמען מיט דעם הייליקן אָנדענק פון אונדזער זעקס מיליאָניקן אויסגעשאָכטענעם יידישן פאָלק!

חבל על דאבדין ולא משתכחין!

ווינטשן מר. א. נ. שטענצל אריכת ימים
צו זיין 50־סטן געבוירן־טאָג

Stalbow & Sons, Ltd.

Wholesale Manufacturing Furriers
and Skin Merchants

54/55, MARGARET STREET, LONDON, W.1
TELEPHONE : LANGHAM 3686/7/8

## ד״ר יעקב י. מייטליס

1

# פון א וועלט וואס איז נישטא מער...

ווען איז דאס געווען? אייגנטלעך ערשט נעכטן, אייער־נעכטן, ווען מיר אלע זיינען נאך געווען א טייל פון דעם לעבעדיקן, קערנדיקן ארגאניזם, וואס האט אזוי בהרחבה׳דיק, אזוי שפע־דיק געשפייזט אלץ, וואס איז יידיש, ווען מיר גופא זיינען נאך געווען אזוי שטארק פארפונדעוועט, אזוי טיף פארוואָרצלט אין דער וועלט, וואס איז היינט נישטא מער. עס איז געווען א וועלט א פארביקע, א שיינע, א שלמות׳דיקע אין אן אפגעשלאסענע, מיט א באזונדערן נוסח און מיט אן אייגענעם קלסתר פנים אין אן אייגנארטיקן לעבנסטיל. עס איז געווען א וועלט א רעאלע, א לעבעדיקע, מיט אירע הויכקייטן און נידערונגען, מיט איר רחבות און ענגשאפט, מיט איר תורה און עם־הארצות, מיט איר עשירות און וויסטן דלות, מיט אירע שמחות און טרויערן, קורץ מיט אלע מעלות און חסרונות. אונזער דור, הגם שטייענדיק שוין על פרשת הדרכים, האט נאך געזעען דאס אלטע שטעטל אין זיין באשטיין מיט דער איינגעהויקערטער שול און בית עולם, מיט דעם ברייטן רונדן־מארק, די ענגע געסלעך מיט די משופע׳דיקע דעכער פון די הילצערנע הייזלעך, מיט די שיינע, פארביקע טיפן יידן, די פארדבקות׳טע ישיבה־בחורים און יידן חסידים, די לומדים און די הארץ־מענטשן, די פאנטאזיארן און בעלי־בטחון. ביי זיין גאנצער ארעמקייט און פארקרומטקייט איז דאס שטעטל געווען א מקום פון תורה און חכמה, א קוואל פון גייסטיקייט און דערהויבנקייט, פון שיינער התנהגות און אידעלע מידות.

אין דער וועלט איז אויך געבוירן געוואָרן, דערצויגן און אויפגעוואקסן ישראל־יהושע זינגער און צו איר האט ער זיך צוריקגעקערט אינטראספעקטיוו ביים סאמע סוף פון זיין קורץ לעבן. א מידער, א בעל־יסורים איז ער צוריקגעקומען צו איר פון דער וואכעדיקייט און לערקייט פון דער מערב־ציוויליזאציע און זיך מיט בענקשאפט און טרויער אין איר פארטיפט, זוכענדיק אין דער וועלט, וואס איז נישטא מער, א תיקון פאר זיין בלאנדזשענדיקן גייסט. אליין א בעל־כוח, האט י. י. זינגער גענומען מיט שטארקע ארעמס צו קאנסטרואירן די וועלט פון נעכטן, זיין אייגענע וועלט, וואס איז אזוי פלוצים׳דיק געוואָרן פארלאשן. אזוי האט ער אונז, ביי׳ם אוועקגיין פון אט דער וועלט, איבערגעלאזט א רייף בוך מיט פראכטפולע אויטאביאגראפישע קאפיטלעך פול מיט דעם פרישן אטעם פון פעלדער און וועלדער, דעם ריח פון דער רבנישער שטוב, פון סעודות מצווה און פייערלעכע פרייטיק־צונאכטסן....

מיט א מייסטער־האנט וועבט זינגער ארום דער געשיכטע פון זיין פריעסטער יוגנט 1) א פילפארביק בילד פון דעם אמאליקן יידישן שטעטל.

1) „פון א וועלט, וואס איז נישטא מער" פון י. י. זינגער. פארלאג מתנות, ניו־יארק, 1946.



עס איז נישט מער דאס אידילישע, שטילע שטעטל, בלויז אידעאליזאציע, בלויז פארליבטקייט. עס ווייזט אויך אויף א סך אימפעט און דינאמיק, בעיקר ווען אין הינטערגרונט באווייזט זיך תמיד די נישט־געצוימטע, פארויס־שטרעבענדיקע קינד־פערזענלעכקייט פון זינגערן, דער אייביקער מורד, דער אייביק־אומצופרידענער, וואס בונטעוועט זיך שוין אין זיינע קינדעריארן קעגן די אנגענומענע פארמעס אין זיין טאטענ׳ס און זיידענ׳ס הויז, וואס וויל בשום אופן זיך נישט לאזן איינשפאנען אין דעם עול פון תורה און לייטישקייט און בלייבן ווי איינער פון זיי.

לאזט מען אבער די מאמענטן אן א זייט, זעען מיר ווי זינגער מאלט אונז מיט צארטע פארבן און מיט א סך ליבשאפט, א פראכטפול געמעל פון זיין צייט און סביבה. ער אנטפלעקט פאר אונז א רייכע גאלעריע פון הערלעכע טיפן, פון לומדים, חסידים, רבנים און סתם פראסטאקעס, פון סוחרים, בעלי־מלאכות און דארף־גייער, פון צעבאלעוועטע, פרומע ווייבלעך און ווייבער ארורות, וואס האבן אויף זייערע ליפן נאר קללות און חרמות און ווידער פון אידעלע מאמעס, וואס גיסן אויס זייער טרויער און בענקשאפט אין א „גאט פון אברהם" אין די שבת־דיקע בין־השמשות׳ן. ער דערציילט אלצדינג מיט אזא געניויקייט, אזוי אביעקטיוו־קארעקט, אזוי פרטים־דיק און מיט אזא זעלטענעם זכרון, אז פון יעדער שורה פילט זיך ארויס זינגער׳ס כוונה אט די אלע ווייטע, אמאליקע געשעענישן מיט אלע זייערע דעטאלן צו פארפיקסירן, דאס אינטימע, דאס נאענטע און אים פערזענלעך טייערע אפצוראטעווען פון פארגעסנקייט.

געבוירן אין בילגאריי אין לובלינער קאנט. ווערט י. י. יזנגער אלס א קליין יינגעלע פארוואָרפן אין נאך א קלענער שטעטל, א העק מיט׳ן נאמען לענטשין ביי דער ווייסל, וואו זיין פאטער איז געווען רב. ביי דער זייט פון זיין טאטן, דעם רב, „א פאנטאזיאר, א גרויסער בעל־בטחון, א מענטש וואס האט פיינט געהאט צו האבן אן עול אויפן קאפ..מער מענטש פון הארץ ווי פון מוח"....און זיין מאמען, די טאכטער פון בילגארייער רב, וואס איז געווען א גרויסע בעל־תכליתניצע, א זארגערין, א צווייפלערין. א קאפמענטש..א יידינע מיט א מאנסבילישן קאפ, אט ביי דער זייט פון טאטעמאמע האט ער פארבראכט זיין קינדהייט אין לענטשין. דער גרויסער יו״ט איז ערשט געקומען, ווען די מוטער האט זומער־צייט גענומען די קינדער און מיט זיי געפארן אהיים, קיין בילגאריי, צו איר טאטן דעם רב. דא האט זיך פאר דעם קינד זינגער אויפגעפראלט א נייע וועלט, מלא טעם און חן.

זיין זיידן, דעם בילגארייער רב, זעט ער אט אזוי. „ער איז געווען א הויכער ייד מיט טונקעלע דורכדרינגלעכע אויגן, מיט אן אידל, אבער שטרענג פנים, מיט א גרויער בארד און פיאות, א ביינערדיקער, א שארפער,

אַווירדיקער, אַ שווייגער". אָבער וואָס פאַר אַ גרויסער כח האָט געווייעט פון אָט דער שטרענגער, צניעות'דיקער און באַשיידענער פּערזענלעכקייט! דער שטאָלצער למדן האָט דווקא ליב געהאַט פּראָסטע יידן, געדאַווענט מיט זיי אין שול און אויסגעמיטן די חסידים־שטיבלעך. אויף שבת האָט ער צו זיך גענומען דווקא אַזעלכע אורחים, וואָס זיינען געווען „די געמיינסטע צווישן די בעטלערס, די ערגסטע פּאַרזעענישן און קאַליקעס, וואָס קיין באַלעבאָס האָט נישט געהאַט קיין חשק אַהיים צו נעמען". זיין עניוות און דעמאָקראַטישע התנהגות איז אַפילו געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז צו די שלוש־סעודות האָט ער ביי זיך תמיד געהאַט די שטאָטישע האַרעפּאַשניקעס, די פון דחקות און האָרעוואַניע אויסגעמוטשעטע אַרבעטער, די זיפּן־מאַכערס. יעדן שבת־פאַרנאַכט פלעגן זיי קומען צום רב אין הויז אַריין, „וואו זיי האָבן געגעסן שלוש־סעודות, חלה מיט הערינג, און געזונגען זמירות. אין זייער נויט און דערשלאָגנקייט האָבן זיי זיך געטוליעט צום רב זייערן, וואָס האָט זיך אָנגענומען פאַר זיי, מכבד געווען זיי".

עס איז נישט געווען אַ היינט־מאָדישער רב מיט אַלדי שפלות און פאַרקרומטקייט פון דער פּראָפּעסיע! „ער האָט געפירט", זאָגט זינגער וועגן זיידן, „רישטאַט מיט יושר און צדקות, קיין זאַך נ שט פאַרגלעט, קיין זאַך נישט פאַרזען, פאַר קיינעם קיין מורא נישט געהאַט, קיינעם פאַר קיין זאַך נישט געשמייכלט". דערפאַר טאַקע איז זיין אויטאָריטעט געווען גרויס און קיינער האָט נישט געהאַט די העזה זיך אים אַנטקעגנצושטעלן.

דאָס זיינען נאָך געווען צייטן, ווען די סעקולאַריזאַציע און מיט איר די וואָכעדיקייט האָט נאָך נישט געהאַט אָנגעשפּאַרט אין די ווייטע, פאַרוואָרפענע שטעטלעך און האָט נאָך נישט געהאַט באַוויזן צו אַטאָמיזירן דאָס יוסטע, פאַרפונדרעווטע יידישע לעבן. אמת, דאָס יידישע לעבן איז געשטאַנען ערב דעם גרויסן פּראָצעס פון איבעראַנדערשונג און פון צופאַלן זיך, אָבער דערווייל איז עס נאָך געווען גאַנץ, אומבאַרירט, נישט צעבראָקלט. כלפי פנים איז דאָס לעבן נאָך געווען קאָלעקטיוו, צבור'יש־רעליגיעז און די סאָציאַלע דיפערענציאַציע איז געווען נישטיק, כמעט נישט עקזיסטירט. סיי דער שיינער ייד, דער למדן ווי דער חסיד, סיי דער בעל־מלאכה און פּראָסטאַק האָבן געהאַט אַ גלייכן אַנטייל אין דער תורה און אין יידישקייט. עס איז געווען זייער תורה, זייער לעבנספאָרם.

רעדט דאָך זינגער אַליין מיט אַזויפיל וואַרעמקייט, ליבשאַפט און ייראת הכבוד וועגן די שטעטלעך „מיט אַלטע יידישע מנהגים, מיט שמשים, וואָס רופן יידן פאַרטאָג אין שול אַריין; מיט באַהעלפערס, וואָס פירן דרדקי־קינדער אין די חדרים אַריין מיט געזאַנג; מיט חדר־יינגלעך, וואָס צירן אויס פענצטער פון יידישע שטובן מיט אַלערליי געשניצטע הערשעלעך און לייבן און פייגעלעך לכבוד ימים טובים. שטעט, אין וועלכע די יידן זיינען יידישער ווי אין איבעריקן פּוילן און די גויים זיינען גוישער ווי אין איבריקן פּוילן" (ז. 142).



טאַקע מאַכט זיך אַמאָל, אַז צוליב אַ מחלוקה אין שטעטל ווערט דער רב, דער טאַטע, באַליידיקט פון איינעם פון די צדדים, טוט זיך אָפּ אין שטעטלעך חושך; די גאַנצע עדה פילט דעם בזיון, וואָס מען האָט אָנגעטאָן זייער רב און דער פּראָסטער עולם וויל ממש דעם פאַרשוין ממית'ן. אָט ווי ווייט עס גייט דער כבוד התורה! דער סוף איז טאַקע געווען, דערציילט אונז זינגער, אַז נאָך עטלעכע טעג איז דער באַליידיקער (דעם שוחט'ס זון) געקומען צו זיין פאָטער, דעם רב, אויסגעטאָן די שטיוול און מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און גייענדיק אויף די שפּיץ זאָקן געבעטן ביי'ם רב מחילה פאַרן בזיון וואָס ער האָט אים אָנגעטאָן פאַר אַן עדה יידן.

זינגער פאַרגעסט אויך נישט אונז לעבעדיק און רעאַליסטיש צו שילדערן פאַרשיידענע מנהגים און לעבנס־פאָרמען, שבתים און ימים טובים ביי יידן אין אַמאָליקע יאָרן. וואָס פאַר אַ ריח שבת, פון דערהויבנקייט און פייערלעכקייט, פון דיסציפּלינירטער שטרענגקייט און מענטשלעכער נאָענטשאַפט, פון קדושה און וואַרעמקייט שלאָגט אונז אַנטקעגן פון אָט די קאַפּיטלעך, וואָס זינגער האָט אַזוי מייסטערהאַפט־קונציק אויסגעפּיילט פון דער וועלט, וואָס איז נישטאָ מער, און די וואָכעדיקייט, די אָרימע, גרויסע אַלטעגלעכקייט שטייט אין דעם פּרט נישט קיין סך אָפּ מיט איר געהאַלט און מענטשלעכקייט, שיינקייט און טיפקייט פון דעם שבת!

*　　*　　*

זינגער'ס בוך האָט זיך געדרוקט, לאָזט אונז דער פאַרלאַג מתנות הערן, אין אַמעריקאַנער „פאָרווערטס" נאָך זיין טויט אונטערן נאָמען „אמת'ע פּאַסירונגען". דאָס איז מן הסתם די סבה, וואָס גרייטענדיק באַזונדערע קאַפּיטלעך צום דרוק אין דער פּרעסע, האָט זינגער זיך באַנוצט מיט אַ ביסל צו שרייערישע קעפּלעך און וואָס די אַרויסגעבער, מן הסתם צוליב פּיעטעט, האָבן נישט געוואָלט ענדערן. אין דעם ווערק, וואָס איז אַן און פאַר זיך אַ ליטעראַרישע גאַנצקייט, פילט זיך פאָרט אַ געוויסע פּובליציסטיש־פעליעטאָניסטישע נאָטע און אַ לויזקייט, וואָס וואָלט נישט געדאַרפט זיין שווער פאַר אַ געניטער רעדאַקטאָר־האַנט אויסצומיידן. געוויסע שילדערונגען פון כאַראַקטערס און טיפּן ווערן אין פאַרשיידענע קאַפּיטלעך איבערגע'חזר'ט, אָפּטמאָל ווערטלעך, אַ סימן, אַז אין דער איצטיקער פאָרם האָט זיי זינגער נעגרייט צו דרוקן פאַר דער טעגלעכער פּרעסע. וואָלט ער זוכה געווען צו לעבן לענגער, וואָלטן מיר נישט נאָר געהאַט אַ המשך פון אָט די הערלעכע אויטאָביגראַפישע קאַפּיטלעך, נאָר מן הסתם אַ רעווידירטע און מער סטיליזירטע אויסגאַבע פון אַ ווערק, מיט וואָס דער גרויסער פּראָזאַ־מייסטער האָט באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור.

אַן אמת־שיינע, אַ פּערזענלעך־אינטימע אָפּשאַצונג פון זינגער'ן דעם מענטש און קינסטלער, כ'וואָלט געזאָגט אויך פון דעם חבר און פריינט, גיט אַהרן צייטלין אַלס אַ הקדמה צום בוך.

## 2

אויך אברהם יהושע העשל, דער דיכטער און וויסנשאַפטמאַן, איז אויסן אין זיין שריפט 2), וואָס איז אַ מועט המחזיק המרובה, אונז צו געבן אַ בילד פון דער וועלט, וואָס איז לײדער נישטאָ מער. מיט אַ האַרץ פול מיט ווייטיק און בענקעניש וואַרפט ער זיך אַריין אין דעם טיפן שטראָם פון אונזער עבר, כדי דאָרט צו געפינען אַן ענטפער אויף דעם אַנגעווייטיקטן פּראָבלעם פון אונזער קיום. זיין פאָרשונג איז אַן אינטערעסאַנטע ליטעראַריש־פילאָזאָפישע אינטערפּרעטאַציע פונם מהות פון מזרח־יידנטום, וואָס איז פאַר די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר געווען דער דאָמינירנדיקער קבוץ אין יידישן פאָלק. העשל גיט אונז אַ גראַנדיאָזן סך־הכל פון יענער גרויסער ירושה, וואָס מיר האָבן געירש'נט פון דער נעכטיקער וועלט, וואָס איז אַזוי אומצייטיק געוואָרן פאַרשניטן. ער דעקט פאַר אונז אויף די וואונדערבאַרע אַרכיטעקטאָניק פון דעם יאָרהונדערטער אַלטן געביי און פרעגט די אונז אַלעמען אַזוי ברענענדיקע פראַגע: „וואָס וועט ווערן פון אונדז איבערגעבליבענע? זאָל חלילה ווערן פון אונז דאָס וואָס ס'איז געוואָרן פון ספרדישע יידן נאָך דער קאַטאַסטראָפע פון 1942: צעשפּליטערטע שבטים אין טערקיי און מאַראָקאָ; פאַרבלאָנדזשעטע יחידים אין אַמסטערדאַם, פּרעכטיקע סינאַגאָגעס און פאַרגליווערטע יידישקייט?"

העשל פירט אונז אַריין אין די אָנהייבן פון דער געשיכטע פונ'ם אשכנזיש־יידישן קבוץ, וואָס ביי זיין וויגעלע שטייען רש"י און ר' יהודה החסיד פון רעגענסבורג, און וואָס פאַרנעמט אַ געוואַלטיקן שטח לאַנד פון ריין ביזן דניעפּער, פונ'ם באַלטישן ביזן שוואַרצן ים. אָבער די גייסטיקע אַנטוויקלונג פון דער אשכנזישער תקופה ביי יידן דערגרייכט איר קולמינאַציע־פונקט אין מזרח־אייראָפּע, בעיקר מיט דער פאַרשפּרייטונג פון חסידות.

העשל פּרובט אַרויסצואַרבעטן די קאָנטראַסטן צווישן די צוויי גרויסע קולטורן ביי יידן פאַר די לעצטע טויזנט יאָר: די קולטור־ספערעס פונ'ם ספרדישן און אשכנזישן יידנטום. דאָס ספרדישע יידנטום איז אַ פּראָדוקט פון אַ סימביאָז פון דער יידישער טראַדיציע מיט דער איסלאַמישער קולטור. עס האָט אים אָפט געפעלט פאָלקסטימלעכקייט. זיין לעבנסטיל איז מער אַן אַריסטאָקראַטיש־יחידישער. מען נעמט איבער פון דער אַרומיקער וועלט ליטעראַרישע פאָרמען און אַ וויסנשאַפטלעכן סיסטעם. מ'פּרובט דאָס יידנטום צו ראַציאָנאַליזירן. די סאַמע וויכטיקסטע ווערק פון דער תקופה זיינען געשריבן אין אַראַביש.

אין קעגנזאַץ צו דעם אַנטוויקלט זיך דאָס גייסטיקע לעבן פון דעם אשכנזישן קבוץ אין אָפּגעזונדערטקייט. גייסטיק שטייען יידן העכער פאַר

---

2) „דער מזרח־אייראָפּעאישער ייד", פון אברהם יהושע העשל. שאָקען־בוקס, ניו־יאָרק.



זייערע שכנים, די פּרימיטיווע גערמאַנישע און סלאַווישע מאַסן, און דערפאַר טאַקע אַנטוויקלען זיי אַן אייגנאַרטיק יידיש קאָלעקטיוו לעבן. „זייער לשון קודש איז ניט ווי אַ יום־טובדיקער אָריענטאַלישער טעפּיך אויף וועלכן מען גייט מיט געמאָסטענע טריט, נאָר ווי אַ ווייכער טלית וואָס איז אי הייליק אי וואָכעדיק און אין וועלכן מ'קאָן זיך איינהילן און אויסוויינען.. דער לשון קודש פון די אשכנזישע ספרים אין מוסר צי אין חסידות איז דורכגעוויקט פון דער בענקשאַפט און צעבראָכנקייט, פון דעם ווייטאָג און די טרערן פונם תהלימל".

אין מזרח־אייראָפּע האָבן יידן באַשאַפן אַן אייגן לשון: יידיש. „זי איז פול מיט צערטלעכקייט און חכמה, מיט פשטות און האַרציקייט פון גוטע מאַמעס. עס האָט זיך אין איר אַריינגעגאָסן אַ סך זאַפט פון דער יידישער נשמה". אין מזרח־אייראָפּע האָט זיך אויסגעפורעמט אַן אייגנאַרטיקער יידישער מענטש מיט אַ ספּעציפישן חן און טעם, מיט אַן אינעווייניקסטער רייכקייט און שפע. מען האָט געלעבט מיט אַ באַשטימטן נוסח, אָבער נישט מאָנאָטאָן, איינפאָרמיק, נאָר ווי אַ פילפאָרמיקער צבור, פול מיט פאַרבן און קאָנטראַסטן. נישט נאָר שבתים, נאָר אפילו דאָס וואָס מען טוט אין דער וואָכענס האָט געהאַט אַ צורה. „דאָס לערנען איז געווען אַ געדאַנק פון בענקשאַפט, אַ זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן פאַרן בעל הרחמים. גמרא איז געוואָרן אַ פאָלקסליד, אביי ורבא — העלדן פון אַ באַלאַדע. . . . לערנען איז געווען אַ טעכניק פון סובלימירן געפיל און געדאַנק, חלום און פילפול, פון אויסדריקן ווייטאָג אין אַ קשיא און פרייד אין פאַרענטפערן אַ האַרבן רמב"ם. די שפּאַנונג פונעם געמיט האָט מען אַריינגעלאָזט אינעם אויסקאָמבינירן שאַרפזיניקע, כמעט אומפאַרענטפערלעכע רעטענישן, בענקשאַפטן, דערוואַרטונגען". . . .

דאָ אויפן באָדן פון מזרח־אייראָפּע זיינען די אַריסטאָקראַטן געווען נישט קיין מאַגנאַטן און געהויבענער אַדעל, נאָר רבנים, לומדים און רביים. יעדער ייד האָט זיך געפילט ווי אַ שותף צו דער תורה, עס איז געווען זיין אייגנס. מוח און האַרץ זיינען אָפט געווען איינס. פאַרן בורא עולם זיינען אַלע געווען גלייך. נישט אַלע יידן האָבן געקאָנט זיצן על התורה ועל העבודה. דער עול פון לעבן און פון גלות האָט שווער געלאַסטעט אויף די געמיטער, די אָרימקייט איז אָפט נישט געווען צו דערטראָגן. אָבער אין די הילצערנע בתי־מדרשים און שולן, וואָס זיינען געווען פאַרשפּאַרט צווישן קלויסטערס און קאַזאַרמעס, „האָבן יידן געלייטערט זייער צלם אלהים און געהאַלטן אין איין מטהר זיין די נשמה וואָס גאָט האָט זיי געגעבן".

די קבלה האָט נאָך ווייטער פאַרטיפט דאָס לעבן פונם ייד. זי האָט אים געלערנט, אַז דעם מענטש'ס אויפגאַבע איז מתקן צו זיין די וועלט. אפילו די גאולה איז נישט עפּעס אַזוינס וואָס פאַלט אַראָפּ פון הימל, וואָס וועט געשען מיט אַמאָל, באחרית הימים. זי איז אויך נישט נאָר אַ פּראָצעס וואָס

איז נוגע בלויז דאָס יידישע פאָלק. די אויסלייזונג איז אַ פּערמאַנענטער פּראָצעס, זי קומט פאָר שטענדיק, אין יעדער רגע. די מעשים טובים פון אַ מענטש זיינען שטאַפּלען, איינצעלנע אַקטן אין דער לאַנג־דויערנדיקער דראַמע פון גאולה. עס הייסט נישט נאָר אויסלייזן יידן, נאָר די וועלט, דעם קאָסמאָס. און יעדער ייד איז בכח דאָס צו טאָן, אין יעדן ייד שטעקט אַ שטיק משיח. מען האָט געמעגט לעבן אין שפלות און אין דלות, געפּלאָגט פון רדיפות און ענוים, אָבער אינעווייניק אין האַרצן האָבן יידן געטראָגן דעם צער פון דער וועלט און די וויזיע פון גאולה פאַר אַלע מענטשן און אַלע באַשעפענישן.

„פרומקייט", — פירט העשל אויס — „שבת זיינען תמיד געווען ביי יידן. דער חידוש אין מזרח־אייראָפּע איז געווען וואָס מען האָט געהאַלטן אַ ביסעלע שבת אין דער וואָכן. . . . מען האָט נישט געבויט קיין שיינע סינאַגאָגעס, מען האָט געבויט בריקן פון האַרץ צו גאָט". מען האָט אפשר נישט געוואוסט פון קיין מאָדערנע מוזיק, אין די שולן האָט מען נישט געשפּילט קיין קאַנטאַטעס און קיין אָראַטאָריעס, אָבער ביי די שלוש־סעודות, צי ביים דאַווענען אָדער לערנען האָט זיך געטראָגן פון די הערצער אַ זיסער, אַ דבקות־דיקער, שטילער און איידעלער געזאַנג וואָס מען קאָן אפשר גאָרנישט אויסדריקן אין קיין טאָן, דערכאַפּן אין ווערטער.

די גרויסקייט, די רבותא פונם ייד אינם מזרח־אייראָפּעאישן קולטור־קרייז איז אפשר באַשטאַנען אין דעם, וואָס הייליקייט, קדושה איז געוואָרן אַזוי קאָנקרעט, אַזוי רעאַל, אַז מ'האָט זי ממש געקאָנט פילן, אָנטאַפּן מיט די הענט. דערציילט דאָך די וועלט נאָך פון ר' שניאור זלמן, אַז אין מעזריטש ביים מגיד האָט מען געשעפּט רוח־הקודש עמערווייז און אַז די מופתים זיינען געלעגן אונטערן באַנק נאָר עס איז נישט קיין צייט געווען זיך איינצובייגן און זיי אויפצוהייבן. . . .

און וויפיל קדושה און קדוש־השם געפיל, וויפיל חסידישע התלהבות און אַסקעטישע עקשנות פון די אַמאָליקע מקובלים האָבן גענירש'נט די טרעגערס פון די מאָדערנע יידישע באַוועגונגען? וויפיל גרענעצלאָזע אהבת ישראל, וויפיל מסירת נפש שטעקט אין די אייניקלעך פון די אַמאָליקע לומדים און חסידים וואָס נעמען זיך מיט שווייס און בלוט צו טריקענען די זומפּן, אַקערן די שטיין־האַרטע ערד אין א"י? היינט די גרויסע וויזיע פון גאולה, וואָס ווערט אַזוי געטריי, אַזוי קנאות'דיק אָפּגעהיטן פון דעם יידישן סאָציאַליזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען!

אָבער די וועלט לאָזט זיך אויס. אַזויפיל חכמה, אַזויפיל איידעלקייט ווערט פאַרטכלעוועט אין שונה. אַפּעלירט טאַקע העשל צו אונז היינט טאַקע מיטן ברען פון אַ בעל־מוסר, נישט צו דערלויבן, אַז די נאָך פאַרהאַנענע געוואַלדיקע רעזערוון פון פּאָטענציעלער ענערגיע, פון אינטעלעקטואַלער ווירעוודיקייט און עמאָציאָנאַלער טיפקייט זאָל צערינען. ער פאָדערט צו דערהאַלטן



די יידישקייט פון אונזערע טאַטעס און זיידעס. „סאָלידאַריטעט מיטן עבר, פירט ער אויס, מוז ווערן אַ באַשטאַנדטייל פון אונזער עקסיסטענץ. מיר באַדאַרפן יידן וואָס זייער לעבן איז אַ גאָרטן, נישט קיין פלאַנצהויז. יידישקייט קען נאָר דערהאַלטן ווערן לעבעדיקערהייט. ספרים זיינען נישט מער ווי זריעות. מיר מוזן זיין די אַטמאָספער אין וועלכער זיי וואַקסן".

איז דאָס אָבער גענוג? קען מען די אַביסל מליצותדיקע פאָדערונגען באַטראַכטן אַלס אַ פּראָגראַם, אַלס אַ פּלאַטפאָרם פאַר אַקציע, פון דערהאַלטן און אויפבויז? וואָס מיינט דאָס צו דערהאַלטן יידישקייט לעבעדיקערהייט, זיך סאָלידאַריזירן מיטן עבר, וואו און וואָס זיינען די מיטלען און די וועגן דערצו? מיטן בלויזן „השיבנו נאזאד" געשריי קען מען ליידער נישט צוריק אויפשטעלן די חורבות פון אונזער אַמאָליקן לעבן!

די וועלט וואָס האָט אויסגעקנעטן דעם פילפּאַרביקן, שיינעם און טיפן מזרח־אייראָפּעאישן ייד איז אַוועק מיטן רויך. העשל פּרובט פאַר זיך און פאַר אונז צו מאַכן אַ סך־הכל פון דעם הויכן לעבנס־שטייגער און די גרויסע ווערטן פון פיר־פינף הונדערט יאָר יידישע קולטור אין מזרח־אייראָפּע. אַליין אַן אייניקל פון יענע גרויסע חסידים און מקובלים רעדט ער מיט התלהבות און מיט טרויעריקער בענקשאַפט וועגן דעם פאַרצייטישן און מאָדערנעם יידישן לעבן. עס איז אַ מין השתפכות הנפש פון אַ פילאָזאָף־ליריקער, וואָס טרויערט צוזאַמען מיט אונז אויף דעם געוואַלדיקן חורבן פון אַ וועלט, אַ שיינע, אַ ליכטיקע, אַ פילפּאַרביקע, וואָס איז היינט שוין מער נישטאָ.

## ל. ש. קרעדיטאָר'ס נייע דראַמע

### „בראשית" אדער „דער ערשטער קרבן" ביבלישע דראַמע אין 3 אַקטן

פאָרגעלייענט ביי אַ גלעזל טיי פון „פריינט פון יידיש לשון"

דאָנערשטאָג, ל"ג בעומר, תש"ז, האָבן סיי „פריינט פון יידיש לשון", סיי דער באַקאַנטער און באַליבטער לאָנדאָנער יידישער שרייבער און פּובליציסט, ל. ש. קרעדיטאָר, באַוויזן אַז „כשמם כן הם"; מיטן איינאָרדנען אַ גלעזל טיי פאַר ח' קרעדיטאָר לכבוד זיין פאַרענדיקן פון אַ נייער דראַמע, וועלכע דער מחבר גופא האָט עס געלייענט, האָבן די ערשטערע באַוויזן אַז זיי זענען בפועל־ממש, פריינט פון יידיש לשון, בעת דער בעל־מחבר האָט באַוויזן אַז ער איז טאַקע אַ „קרעדיטאָר" לגבי דעם יידישן לאָנדאָן — און אַז דער ישוב דאָ איז אים שולדיק אַ גרויסן יישר־כח פאַר זיין ליטעראַרישן שאַפן און טאַלאַנט.

הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד — ס'איז באמת געווען אַ נחת רוח צו זען, ווי די עטלעכע 20 מענטשן, אַ געקליבענער עולם פון יידישע

שרייבער, זשורנאליסטן, כלל־טוער און סתם פריינט פון יידישע ליטעראטור, קומען זיך צוזאמען אין א ווינקל, אינם סאמע הארץ פונם פרנסה־פארשמייעטן ווייטשעפל, בכדי צו הערן דעם מחבר פון א נייער דראמע פארלייענען זיין נייע שאפונג.

שוין די שלוהדיקע שטילע אטמאספערע פונם פארזאמלטן עולם, מיט דער דרך־ארץ׳דיקער באציאונג צום מחבר האט צוגעגעבן א ספעציעל פעסטלעכן רייץ צו דער זאך; און ווען דער פרעזידענט משה עובד, האט געבעטן ה׳ קרעדיטארן צו לייענען זיין נייע ביבלישע דראמע: „ב ר א ש י ת“ אדער „ד ע ר ע ר ש ט ע ר ק ר ב ן“, האבן אלע מיט שפאנונג זיך צוגעהערט ביזן סוף ד.ה. ביזן סוף פונם 3־טן אקט.

ה׳ קרעדיטאר, מיט זיין באקאנטער באשיידנקייט האט נאך זיין פארענדיקן לייענען דעם ערשטן אקט, און שפעטער נאכן 2־טן, פארגעשלאגן אז אז עס וועט זיין געגנוג, ווי אנגענעם איבערראשט איז ער געווען, ווען ער האט געהערט אז דער עולם — יעדער פון זיי א מפונק — איז געווען געשפאנט צו הערן די זאך ביז צום סוף. און ס׳איז אויך קיין חידוש נישט, וואס דער עולם האט ממש געשלונגען די דראמע.

ווייל א חוץ דער גייסטרייכקייט און טיפזיניקייט פון די געדאנקען, וועלכע דער מחבר זאגט ארויס אין זיין דראמע, דורכן מויל פון זיינע ביבלישע העלדן, באזיצט די דראמע בילדרייכקייט אן א שיעור; דעם מחבר איז עס געלונגען צו הארמאניזירן געדאנק און בילד אין א גאנצקייט וואס איז דאנקבאר מאטעריאל פאר א גוטן רעזשיסאר צו פארצויבערן אויף דער בינע א כישוף־שפיל פון א גאנץ נייעם זשענער; לעבעדיקע, פארבנרייכע ביבל־בילדער מיט האנדלונג, וואס זענען בכח, אויף דער בינע ארויסצוברענגען די אייביקע ווערטן און גרויסע אמת׳ן פון די ביבלישע מענטשן און מאטיוון אין אקטועלער פארם — א שפיל פונם מענטשנס אור־כחות און אייביק־נייע מאטיוון.

בכלל, קען מען זאגן אז דער עולם מבינים האבן קרעדיטאר׳ס נייע דראמע אויפגענומען אלס א זער ווערטפולע נייע שאפונג, וועלכע מיט איר אריגינעלקייט שטעלט מיט זיך פאר א באדייטנדן צושטייער צו דער יידישער ליטעראטור.

נאכן פארענדיקן זיין פארלייענען — קרעדיטארס שיינע און אנגענעמקלינגענדיקע דיקציע האט געהאלפן ארויסברענגען די פיינע פונקטן פונם דיאלאג — האבן די פארזאמלטע, צווישן זיי משה עובד, א. נ. שטענצל, פאלמע, ליסקי, משה כ״ץ, מרס. דן־יחיא, קאונסילאר י. ל. פיין, י. ביעטש און נעט רובין ארויסגעזאגט זייערע מיינונגען איבער דער נייער דראמע, וועלכע אין תוך גענומען, האבן זיי אלע געלויבט אלס א פאזיטיוו־אריגינעלע ליטעראַרישע שאפונג. עס וואלט באמת כדאי געווען אז קרעדיטאר׳ס דראמע זאל בקרוב דערשיינען אין בוך־פארם און אויפגעפירט ווערן אויף דער יידישער בינע.

נ. ש.



## יוסף פרענקעל

# די יידישע פרעסע אין די באפרייטע לענדער

### א אויסשטעלונג אין לאנדאן

צוערשט זיינען פארברענט געווארן ביכער און בתי־מדרשים. שפעטער זיינען יידישע בתי־ספר געווארן געשלאסן און יידישע צייטונגען האבן געמוזט ווערן פארמאכט. איידער דער קערפער איז געגאנגען אין גאז־קאמער, האט דער גייסט ערשט געמוזט פארניכטעט ווערן. וואו היטלערס באנדען האבן ארייננמארשירט, זיינען שוין מער קיין יידישע צייטונגען ניט געוועזן.

איך דערמאן מיך איין טאג אין וויען, נאך דעם ארייננמארשירן פון די נאצי־טרופען: א יידישער זשורנאליסט איז געגאנגען צו זיין צייטונגס רעדאקציע און געוואלט אין זיין אייגענעם וועג — מיט דער פעדער — ווייטער קעמפן. אבער ער איז געווארפן געווארן אין געפענגעניס און שפעטער אין א טויטן־צעלע.

און אין פראג: מאנאטן לאנג נאך דער נאצי־אקופאציע זיינען אריינגעשמוגלט געווארן א יידישע צייטונג אין ווארשע, דער „היינט“ אדער „מאמענט“, כמעט טעגליך. טראץ לעבנס־געפאר, האבן זיך יידן צוזאמען געקליבן און די יידישע צייטונגען געלעזן...

איך האב געלעזן אן ארטיקעל איבער דעם לאדזשער „געטא“. ביי מיינעם א פריינד, דעם זשורנאליסט אסקקאר ראזענפעלד פון וויען, האבן זיך יידן פארזאמלט, כדי ארומצורעדן די ארגאניזירונג פון אן אויפשטאנד...

נאך האט א ליד ניט באזונגען דעם יידישן זשורנאליסט אין דער צייט פון דער גרויסער טראגעדיע. אויך די געשיכטע פון דער יידישער „אונטערערדישער“ צייטונג איז נאך ניט געווארן געשריבן. יידישע זשורנאליסטן זיינען געוועזן „שוועבעלעך“, וואס האבן אין די פינסטערע צימערן אויף א פאר סעקונדעןאדער מינוטען יידישע הערצער באלויכט און דאן זעלבסט פארברענט געווארן:

„וואויל איז דעם שוועבעלע,<br>
וואס איז פארברענט געווארן<br>
און אנגעצונדען הערצער...“

(חנה סנעש)

און אט דאס שוועבעלע האט באגלייט יידן אויף דעם לידענס־וועג.

אין ליטע האט ערשיינט א אונטערערדישע צייטונג, אין געטא אין סלאבאצקא, אין דאכאו.... איינער האט געהאלטן פארשטעקט א תורה, דער צווייטער — תפילין, א דריטער — א יידיש בוך אדער א צייטונג, און דאס האט געשטארקט זייער לעבנס־ווילן און האפענונג. 6 מיליאן יידן זיינען אויסגעמארדעט געווארן און מיליאנען פון יידישע ביכער פארניכטעט. עס זיינען געבליבן: די שארות הפליטה און „אלעף־בית“...

דער זשורנאַליסט א. מעסקאוסקאַס, וואָס איז אָפט געוועזן אין דייטשלאַנד, האָט אין לאָנדאָן גערעדט מיט גרויס באַגייסטערונג וועגן דער דאָרטיקער יידישער פּרעסע. אין אַ געשפּרעך מיטן שרייבער ש. י. הארענדאָרף, דעם אויטאָר פון „דער קעניג פון לאַמפּעדוסע", האָט ער געמאַכט אַ פאָרשלאַג צו אַראַנזשירן אַ „אויסשטעלונג פון יידישע צייטונגען".

ד"ר נ. באַרו, מיטגליד פון „יידישן זשורנאַליסטן פאַרבאַנד" און ערן־סעקרעטאַר פון „יידישן וועלט קאָנגרעס" האָט דעם פאָרשלאַג איבערגענומען און דעם שרייבער פון די שורות אָנפאַרטרויט מיט דער אָרגאַניזאַציע פון דער אויסשטעלונג. די איבעראַשונג איז געווען גרויס, ווייל די פּרעסע־אָפּטיילונג פון דעם „יידישן וועלט קאָנגרעס" האָט פאַרמאָגט 120 פאַרשידענע צייטונגען און צייטשריפטן פון די באַפרייטע לענדער, — פּוילן, דייטשלאַנד, בולגאַריע, טשעכאָסלאָוואַקיי, עסטרייך, פראַנקרייך, רומעניע, איטאַליע, בעלגיע, האָלאַנד, דענמאַרק, גריכענלאַנד, אונגאַרן, פינלאַנד און שאַנגהיי. די יידן אין די באַפרייטע לענדער זיינען אויסגעהונגערט נאָכן יידישן וואָרט. און דערפאַר איז אַלץ אין באַוועגונג און אין געאייל כדי דעם גייסטיקן דורשט צו באַפרידיקן. יידן אין קראַנקענהויז, אין באַראַקן, אין קעמפּס געבן אַרויס צייטונגען און צייטשריפטן. צייטונגען ביז 24 זייטן און מער, צייטשריפטן אָפט ביז 60 זייטן אין טויזנטע, צענערטויזנטע עקזעמפּלאַרן. פריער זיינען געווען „איבער־פּאַרטייאישע" צייטונגען, שפּעטער האָט יעדע פּאַרטיי אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן איר אייגענעם אָרגאַן, — ווי אין די אַלטע צייטן. און די יידן וואַרטן מיט שפּאַנונג אויפן דערשיינען פון די צייטונגען, כדי צו לעזן איבער פּאַרטיי־פירער, איבער פּראָגראַמען, איבער געשיכטע פון יידישער ליטעראַטור און קונסט און איבער ערינערונגען פון דער היטלער־צייט. זיי געפינען גוטע דערציילונגען, פּעליעטאָנען, און „פאַרשליגען" יעדעס וואָרט איבער ארץ־ישראל און אַקטועלע יידישע פּראָבלעמען. נאַטירלעך פאַרנעמט אַ וויכטיק אָרט דאָס „לאַגער־לעבן" און די „קולטור־טעטיקייט". זייער אינטערעס גילט אויך די „קולטורעלע רונדשאו".

די יידישע פּרעסע ברענגט רעגעלמעסיק פּראָדוקציעס פון קינסטלער, וואָס האָבן די אַלע ליידן מיטגעמאַכט. וואָלקן און כוואַליעס, שאָטן און שרעק סימבאָליזירי זייערע ווערק, טראָץ דעם מאַכן אָט די פיגורן דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געפאָרמט געוואָרן מיטן האַמער און ניט מיט בלוטיקע פאַרב און טינט.

אַנאָנסן פעלן, אָבער דערפאַר איז דאָ אַ שטענדיקע רובריק: „מיר זוכן פאַרוואַנדטע". די צייטונגען ערשיינען כמעט אין אַלע לשונות, אָבער אַם מייסטן אין יידיש און אין העברעאיש. יידיש אָפט אין לאַטיינישע בוכשטאַבן. די רעדאַקטאָרן אַרבייטן אונדערמידלעך. זיי זיינען זיך באַוואוסט פון זייערע הויכע און שווערע פליכטן אַלס לערער און באַראַטער פון די לעזער. עס וואַקסט אַ נייע גענעראַציע פון יונגע יידישע זשורנאַליסטן, וועלכע מיט דער הילף פון דער פעדער, שטייגן אַרויף, שטופּע נאָך שטופּע. פאַך־לייט באַוואונדערן זייער



אַרבייט, זייערע נעמען זיינען שוין באַקאַנט און עס וועט ניט לאַנג דויערן ביז אַ סך פון זיי וועלן פאַרעכנט ווערן צווישן די בעסטע. די יידישע פּרעסע העלפט די יידישע נשמה צו שטאַרקן און אויפצולעבן.

יעדעס לאַנד האָט ווידער אירע אייגענע יידישע צייטונגען, וואָס שטייען אויף אַ הויכן רעדאַקציאָנעלן און זשורנאַליסטישן פּעדעסטאַל. איך וויל ציטירן נאָר איניגע צייטונגען: „די לאַנדסבערגער לאַגער־צייטונג", די בעלזענער „אונזער שטימע", די מארבורגער „יידישע רונדשאו", „ניצוץ", „אַ היים", „דאָס נייע לעבן" פון לאָדז, „אָפּיניא"..... עס וואָלט געווען זייער אַ לאַנגע ליסטע, ווען איך וואָלט אַלע צייטונגען אויפגעציילט.

די אויסשטעלונג אין לאָנדאָן איז אַ גרויסער דערפאָלג. זי איז ערעפנט געוואָרן ביי דר. נ. בארו, א. ל. איסטערמאַן, דר. א. שטיינבערג און ה. מייער אין נאָמען פון „יידישן וועלט קאָנגרעס" און פון דעם „יידישן זשורנאַליסטן פערבאַנד". איבער 10.0000 מענטשן האָבן באַזוכט און געזען די אויסשטעלונג. די וועלט קאָנפערענץ פון יידישן זשורנאַליסטן אין באַזל האָט זיך צוגעהערט צו אַ באַריכט, וועלכער איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויסער באַפרידיגונג. די אויסשטעלונג וועט געוויזן ווערן אויך אין דער פּראָווינץ און אויך אין אויסלאַנד.

יעדעס פאָלק באַזיצט אַ זאַמלונג פון זיינע אַלע צייטונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט. דאָס יידישע פאָלק באַזיצט קיינס. איז עס ניט אַ שיינע אויפגאַבע צו זאַמלען די אַלע יידישע צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ רייכע פאַרגאַנגענהייט? איז עס ניט אַ אויפגאַבע פאַר דעם „פערבאַנד פון יידישע זשורנאַליסטן"? אין תל־אביב עקזיסטירט אַ הויז פאַר יידישע זשורנאַליסטן (נחום סוקולוב־הויז). וואָס וואָלט געוועזן מיט אַ געביידע פאַר דער יידישער פּרעסע אין תל־אביב? פאַר דער יידישער פּרעסע אין אַלע שפּראַכען און פון אַלע לענדער?

די אַרגענטינער
„שריפטן"
(יידישע חודש־אויסגאַבע)
געגרינדעט פון צבי שוואַרץ ז"ל
קענען אַבאָנירט ווערן דורך א. גאָלדבערג
פאַר אַ יאָר: — -/30; פאַר אַ האַלב־יאָר: — -/15
צושיקן לויטן אַדרעס:
A. GOLDBERG,
40, Sheldon Avenue, Barkinside, Ilford

# אפענער בריוו צום „אקטינג“ טשיף־רבי!

טייערער פריינט א. נ. שטענצל, ביטע דרוקט אָפּ דעם דאָזיקן בריוו, וועגן דעם קאַמף וואָס מיר פירן צו פאַראייביקן און פריש־האַלטן דעם הייליקן זכרון פון די „הרוגי־מלכות“ — דייטשלאַנד־הרשעה!

אייער, דוב וואַרשאַווסקי

אויף דעם גרויסן „מיטינג“ אין ראָיאַל אַלבערט האָל (14 מאַי 1947), וואָס איז געווען פאַרופן פון מר. ווינסטאָן טשערטשילס „קאָמיטעט פאַר אַ פאַראייניקטער אייראָפּע“, האָט דאָס „צאַצקע־יידל“, וויקטאָר גאָלאַנץ, וועלכער געהערט אויך צום דערמאָנטן קאָמיטעט, גערופן אין נאָמען פון קריסטענטום צו רחמנות האָבן אויף די דייטשן, אונטערשטרייכנדיק מיט חוצפה: — „אַי פּיטי טהע דזשערמאַנס!“ — אין דער צייט, ווען די נישט־יידישע רעדנער און מר. טשערטשיל בתוכם, האָבן זיך געהיט, אין אַזאַ וואולגאַרן אופן, אַרויסצוברענגען די רחמנות־אַקציע פאַרן דייטשנטום.

ווען איך בין צוגעגאַנגען, שפּעטער, צום „אַקטינג“־טשיף־רבי, דיין לאַזאַרוס, וועלכער איז אויך געזעסן אויף דער טריבונע, און אים געפרעגט: סטייטש, ווי קען ער אַלס אָפיציעלער פאָרשטייער פון יידנטום, צוהערן זיך צו גאָלאַנצעס רחמנות־אַפּיעלן פאַר די דייטשישע מערדער און שווייגן?! —האָט מיר דער אַקטינג־טשיף־רבי, צו מיין גרויסער איבעראַשונג, געענטפערט בזה הלשון: יאָ, גאָלאַנץ איז גערעכט. גאָלאַנץ טוט גוט. גאָלאַנץ איז אָנגענומען, קען רעדן און די גוים הערן אים צו. מען דאַרף גיין מיט גוטן...

צוליב דעם, וואָס די דערקלערונג און בכלל די גאַנצע האַנדלונג און טאַט פון אַקטינג־טשיף־רבי טראָגט דאָך אַן אָפיציעלן כאַראַקטער, און נאָכמער; צוליב דעם, וואָס דער פאַרשטאָרבענער טשיף־רבי ד"ר הערץ האָט אָפיציעל געשטיצט גאָלאַנצעס רחמנות־אַקציעס פאַר די דייטשן, וואו עס האָט זיך צווישן די אונטערשריפטן פון די בישאָף׳ס אויך געפונען דער אונטערשריפט פון ד"ר הערץ (ניוס קראָניקל 21 יאַנואַר 1946); צוליב דעם, ווייל עס זיינען דאָ פיל יידן, און ספּעציעל ציוניסטן, וואָס שטיצן גאָלאַנצן; צוליב דעם, וואָס חברים פון פועלי־ציון שטאָלצירן נאָך צו האָבן גאָלאַנצן אַלס מיטגליד פון זייער פאַרטיי (זיי האָבן דאָס געזאָגט אָפן פאַר מיר...); — צוליב דעם אַלעמען וואָס עס קען זיכער שאַפן דער איינדרוק ביי אַלע נישט־יידן און אויך ביי מאַנכע „יידן“, — אַז וויקטאָר גאָלאַנץ רעדט אין נאָמען פון גאַנצן יידנטום און דריקט אויס זייער מיינונג, — איז דעריבער זעער נויטיק און ווינשסווערט צו הערן, וואָס דאָס וועלט־יידנטום זאָגט און שרייבט איבער גאָלאַנצעס רחמנות־און־פאַרגעבונג־אַקציע פאַר די דייטשישע רוצחים!!!

אהרן ציטלין שרייבט צווי. אַנד. אין ניו־יאָרקער „מאָרגען־זשורנאַל“ (24 יאַנואַר, 1947), אַזוי: —

„נישט־יידן אָרגאַניזירן איצט אומעטום אַ רחמנות־קאַמפּיין לטובת די דייטשן. אָבער וואָס פאַר אַ שייכות קען האָבן מיט דעם דאָזיקן קאַמ־פּיין (וואָס האָט דאָך, אגב, קלאָרע פּאָליטישע צילן) — אַ ייד, און נאָך דערצו אַ נאַציאָנאַלער ייד?

„פאַראַן אין לאָנדאָן, אַ ייד וואָס גייט אָן פאַר אַ „גאַנצן“ ציוניסט, און אין דער זעלבער צייט איז ער אַ רחמנות־קאַמפּיינער פאַר די מערדער פון זיין פאָלק. זיין נאָמען איז וויקטאָר גאָלאַנץ. ער לייגט איין וועלטן און מאַכט „הומאַניטאַרע“ גוואַלדן: דערלאָזט נישט, גוטע מענטשן, אַז די נאָבעלע קין׳ס זאָלן נישט האָבן גענוג צו פרעסן! טוט עפּעס פאַר זיי!



דאָס נאָבעלע דייטשע פאָלק קען נאָך חלילה אויסציען די נאָבעלע פּיסע־לעך — און פגר׳ן....

„נאָכדעם, וואָס דאָס דייטשנטום האָט חרוב געמאַכט אַ וועלט, און נאָכדעם, ווי עס האָט אויסגעגאָזט דאָס יידישע פאָלק אין אייראָפּע, דאַרף מען עס קאָרמענען, באַשוכן, באַקליידן און באַזאָרגן מיט אַלע הצטרכות׳ן.. ווי צום עיפּושדיקן, געמיינעם, אכזריותדיקן „הומאַניזם“ וואָס זאָרגט פאַרן וואוילזיין פון דעם פאַרברעכער! און טויזנט מאָל ווי צום כלומרשטן צער־בעלי־חיים פון אַ ייד, וואָס חבר׳ט זיך „הומאַניטאַריש“ מיט די וואָס האָבן געמאַכט פון זיינע ברידער — שטיקלעך זייף..!

„די נאַצים, די פאַרניכטער פון מיליאָנען יידן, די גרויסע פאַברי־קאַנטן פון יידישן זייף זיינען דאָך אויך געווען צער־בעלי־חיים׳ניקעס!

„עס געפינען זיך נאָך אין לאָנדאָן יידן, וואָס האַלטן דרשות אין די שולן און פאַרטיידיקן דעם „נאַציאָנאַלן“ ייד גאָלאַנץ, דעם גרויסן צער־בעלי־חיים׳ניק, וואָס עס דאַרט אים דער קאָפּ פאַרן דייטשנטום.

„איז מען נישט מחלל די לופט פון אַ מקום־קדוש, ווען מען פאַרטיי־דיקט דאָרט אַ מליץ־יושר פון די דייטשן?!“

אהרן ציטלין — אין „מאָרגען־זשורנאַל“, פון 21 מערץ, 1947 שרייבט:

„וויקטאָר גאָלאַנץ, וואָס ווערט, אגב, גערעכנט פאַר אַ ציוניסט, זאָרגט נישט וועגן די יידן וואָס פוילן אין די דייטשע לאַגערן נאָר וועגן די וואָס האָבן אומגעבראַכט זעקס מיליאָן פון זיינע ברידער און שוועסטער. דער באַזיקטער דייטשלאַנד איז גוט. אַלע צערייסן זיך דעם פעלץ פאַר איר, אפילו אַ לאָנדאָנער ייד — וויקטאָר גאָלאַנץ.

„ווער עס האָט נאָר אַ האַנט מיט אַ פוס גיסט דעם אויל פון רחמנות אויף דעם דייטשן פאַרך אַרויף“....

„אַלס יידן“ — זאָגט אהרן ציטלין (מ.ז. 21 יאַנואַר 1947) —

„זיינען מיר נישט פאַראינטערעסירט עס זאָל בכלל זיך געפינען אַ יידישע מינדערהייט אויף דער בלוטיקער ערד, דייטשלאַנד, וואָס דאַרף פאַר אונז טמא זיין אויף דור דורות“....

ש. י. דאָרפזאָן שרייבט אין „דער אַמעריקאַנער“ (31 יאַנ. 47) אַזוי:

„צו אונזער גרויסער שאַנד און ווייטאָג איז דער הויפּט אָנפירער פון דער משונהדיקער רחמנות־קאַמפּאַניע לטובת די דייטשע „היענעס“ גראָד אַ „יידל“ און טאַקע אַן ענגליש יידל, וועמענס נאָמען איז וויקטאָר גאָלאַנץ.

„דאָס דאָזיקע יידל (מערקט אייך זיין טרפה׳נעם נאָמען!) האָט דער־קלערט פאַר ענגלישע צייטונגס־רעפּאָרטערס, אַז די נשמות פון די זעקס מיליאָן אומגעקומענע יידן לאָזן אים ניט רוען, און אַז ער האָט שלאָפלאָזע נעכט א.א.וו. אָבער אין דער זעלבער צייט איז מוסיף דער לאָנדאָנער „זשידלאַק“, אַז אויף דעם דייטשן פאָלק איז אַ ביטער רחמנות.. אַז אויך דאָס דייטשע פאָלק האָט געליטן פון היטלעריזם צוגלייך מיט די.... יידן.

„גאָלאַנץ קלאָגט כלומרשט אויף די זעקס מיליאָן יידישע קרבנות, אָבער ער איז נישט געפאָרן באַזוכן דעם שארית הפליטה אין די קעמפּס, —נאָר די דייטשע בעסטיעס און היענעס! וואָס האָבן מיר יידן צו זוכן אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשער ערד! האָט גאָלאַנץ דאָס מאָראַלישע און יורידישע רעכט פאַר זיין קאַמפּאַניע?! אפילו די גרעסטע יידיש־דייטשע אויסוואורפן אין דער ענגלישער אימיגראַציע, האָבן נישט געוואָגט

— און זיי וועלן נישט וואַגן! — צו שטעלן זיך בראש פון אַזאַ ממש אומגלויבליכער נבלה-קאַמפּאַניע, ווי עס האָט באַוויזן גאָלאַנץ!"

„די אידישע צייטונג", אַרגענטינע, 27 דעצעמבער 1946, שרייבט:

„דער אין ענגלאַנד שטאַרק פּאָפּולערער יידישער פאַרלעגער וויקטאָר גאָלאַנץ, האָט קעגן זיך אויפגערעגט גאָר גרויסע טיילן פון ענגלישן יידנטום, ווייל ער איז געוואָרן אַ מליץ יושר פאַר דייטשלאַנד און צערייסט זיך דעם ספּאָדיק, פאַר די דייטשן. דאָס דאָזיקע יידל קלאָגט אויפן איצטיקן חורבן דייטשלאַנד, דאָס לאַנד פון געטע, שילער, און קאַנט. ער דערמאָנט אָבער נישט, אַז דייטשלאַנד איז אויך דאָס לאַנד פון היטלער, שטרייכער, הימלער און פון מיליאָנען מערדער וואָס האָבן אומגעבראַכט דאָס אייראָפּעאישע יידנטום!" (ש.י.ד.)

„אונזער-וועלט", קעמפּ אין דייטשלאַנד, 29 נאָוו. 1946, שרייבט:

„וויקטאָר גאָלאַנץ אַ שטיקל רב, העברעאישער שרייבער און ציוניסטישער עסקן פאָרט אַרום איבער דייטשלאַנד און אַלאַמירט מ'זאָל ראַטעווען דאָס „אָרעמע דייטשלאַנד". ווען ער זאָל געווען מיטמאַכן דאָס וואָס מיר האָבן מיטגעמאַכט — אַ שאָד, אַ שאָד! בשעת מען האָט אונז געברענט און געבראָטן איז ער געזעסן דאָרט אין ענגלאַנד בשלום ובשלוה, — אַ שאָד! אַ שאָד! וועגן וואָס פאַר אַ „פּראָפּיט-געשעפטלעך" זיינען אייך דאָס חושד אייערע „אָרעמע" דייטשן?.. וואָס פילדערט איר אַזוי? ווער בעט אייך, און ווער האָט אייך געהייסן און געשיקט?!"....

„דאָס נייע לעבן", פּוילן, לאָדזש, 27 פעב. 1947 שרייבט:

„דער יידישער מה-יפיתניק וויקטאָר גאָלאַנץ פירט אַ העפטיקע קאַמפּאַניע מוחל צו זיין דייטשלאַנד אירע חטאים..קיין אַנדערע זאָרגן האָט ער היינט נישט. גאָלאַנץ האָט בשעת זיין רייזע איבער דייטשלאַנד זיכער זיך אָנגעטראָפן אויף די יידישע לאַגערן, אויף דער יידישער נויט און היימלאָזיקייט אָבער וועגן דעם רעדט ער נישט. די איינציקע דאגה זיינע איז צו באַזאָרגן די דייטשישע מערדער. מיט אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע ווערט מען היינט פּאָפּולער, מען מאַכט אַ קאַריערע און געלט...."

איך וואָלט נאָך געקענט ברענגען פיל ציטאַטן פון אַנדערע יידישע צייטונגען אין דער וועלט. אָבער עס איז שוין גענוג קלאָר און דייטלעך, וואָס דאָס וועלט-יידנטום דענקט און טראַכט וועגן די פאַרהאַסטע גאָלאַנצעס...

געערטער פאַרטרעטנדער טשיף-רבי! איך בין אייך מוחל דעם עפּיטעט וואָס איר האָט מיר צוגעוואָרפן: „משוגע"! — יאָ, כ'נעם עס אָן מיט כבוד! די יידן וואָס זיינען געטראָפן געוואָרן פון שרעקלעכן אומגליק און שפּירן אים אָן... זיינען טאַקע משוגע פון צרות... ס'איז דער והיית משגע ממראה עיניך... איך בין טאַקע משוגע אויף איין זאַך: אָפּצוהיטן דעם הייליקן זכרון פון די פאַרפּייניקטע, און קיינמאָל נישט צו פאַרגעסן אָן זייערע רוצחים — די דייטשן!!! דאָס איז די צוואה פון די קדושים! און דאָס איז מיין תורה און מיין קידוש-השם! איך וועל זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום זאַך, און שטערונג, פון צו באַשיצן די הייליקע קברים, אַז פאַרשידענע שוואַרצע קראָען זאָלן נישט אויפפּרעסן דאָס געדעכעניש פון די קרבנות..! מיליאָנען יידישע קדושים האָבן אַרויפגעלייגט אויף דייטשלאַנד אַ שוואַרצן ח ר ם און קללה! פאַרשטייט וואָס דאָס מיינט.... מיט אַכטונג,

**דוב וואַרשאַווסקי**



## יובילעאום-פייערונגן

שבת דעם 3-טן מאַי האָט פּריינט א. פּאַלושאַק צום סוף פונם ליטעראַרישן שבת נאָכמיטאָק מיטגעטיילט דעם עולם, אַז דער קומענדיקער שבת, דער 10-טער מאַי, וועט זיין געווידמעט א. נ. שטענצל, דעם באַקאַנטן יידישן פּאָעט און פּאַרזיצער פון די יי׳ל׳ש׳נ., צו זיין 50-טן געבוירן-טאָג און 25 יאָר ליטעראַריש שאַפן אַלס דיכטער און עסייאיסט. די לייטונג פונם דאָזיקן שבת וועט ליגן אויסשליסלעך אין די הענט פונם יובילעאום-קאָמיטעט. נאָך דעם ליטעראַרישן נאָכמיטאָק וועט פאָרקומען אַ ספּעציעלער באַנקעט לכבוד דעם בעל-יובל. קיין איינלאַדונגען וועלן נישט ווערן אַרויסגעשיקט. פריינט און אָנהענגער ווערן געבעטן זיך צו מעלדן ביים קאָמיטעט, כדי מען זאָל וויסן ווי אַלץ צוצוגרייטן און צו אַראַנזשירן.

דער יובילאַר אַליין האָט בפירוש זיך אויסגעבעטן, אַז ביים ליטעראַרישן נאָכמיטאָק, וואָס מען וועט רעדן איבער אים און לעזן זיינע ווערק זאָלן זיך נאָר באַטייליקן דער ענגערער מיטאַרבעטער-קרייז פון „פריינט פון יידיש לשון". און כך-הוה, אַזוי איז געווען. דעם פּאָרזיץ האָט געפירט פריינט י. ביעטש, וועלכער האָט מיט אַ פיינער דערעפנונגס-רעדע כאַראַקטעריזירט די פילזייטיקע ווערק און שאַפונגען פונם בעל יובל. די אַנדערע באַטייליקטע זיינען געווען משה עובד, אייזיק גאָלדבערג, דאָראַ דימאַנט, נעט רובין און אליהו פּאַלושאַק. צום סוף האָט דער יובילאַר אַליין, דער אַלעמען גוט באַקאַנטער א. נ. שטענצל, שטיל און פשוט אונדז דערציילט פראַגמענטלעך פון זכרונות פון זיין אַנטוויקלונג און שאַפן.

דער זאַל אין בערנאַרד באַראָן סעטעלמענט האָט דאָס מאָל אויסגעזען מער פייערלעך ווי אַלעמאָל צוליב דער פאַרבן-רייכקייט פון די גרויסע בלומען-בוקעטן און דעם באַזונדער גרויסן עולם.

דער באַנקעט פון „פריינט פון יידיש לשון" איז פאָרגעקומען אינם לאָקאַל פונם אַרבעטער-רינג, עלי סטריט. די טישן זיינען געווען יום-טוב׳דיק דעקאָרירט מיט בלומען און מאכלים מכל המנים. ס׳איז געווען אַ תענוג צו זען, ווי דער הויז קאָמיטעט פונם אַרבעטער-רינג האָט זיך געגעבן די גרעסטע מי שיין צו געשטאַלטן די יובל-פייערונג פון א. נ. שטענצל.

און מיט דער הילף פון אונדזער קאָמיטעט איז דער באַנקעט געווען אַ זייער ווירדיקע פאַראַנשטאַלטונג. כאָטש, ווי שוין דערמאָנט, ס׳זיינען נישט געווען אַרויסגעשיקט קיין איינלאַדונגען, האָבן זיך אויפן באַנקעט צוזאַמענגעפונען אַנ׳ערך 70-80 מענטשן.

דעם פאָרזיץ האָט געפירט דער פּרעזידענט פון „פריינט פון יידיש לשון", משה עובד, וואָס האָט אין אַ לענגערער רעדע אָנגעוויזן אויף די אומדערמידלעכע אַרבעטס-ענערגיע פונם יובילאַר נישט נאָר אַלס דיכטער און עסייאיסט, נאָר אויך אַלס פאַרקעמפער פאַר יידיש און יידישע ליטעראַטור דאָ און אין יידישן מדבר. חוץ די שוין באַצייכנטע רעדנער האָבן זיך אויך באַטייליקט

# S. LONDON

## LTD.

*FURRIERS*

**ARGYLL HOUSE**

**246/250, REGENT STREET, LONDON, W.1**

TELEPHONE : REGENT 4675/6 LONDON

TELEGRAMS : LONFURDON WESDO LONDON


מיט באַגריסונגען און רעדעס די דיכטער ס. פּאַלמע און בן־א. סאַכאַטשעווסקי, אונדזער מיטאַרבעטער שלמה אויערבאַך און פריינט גאָלדינגער פון בראַנטש 9 אַרבעטער־רינג.

פון דאָ און פון אויסלאַנד זיינען אָנגעקומען פאַרשידענע באַגריסונגען און טעלעגראַמעס: אַ טעלעגראַם פון שוועדן פון אונדזער פריינדין קעזמאַן און פון אונדזער פאַרטרעטער אין דענעמאַרק, פריינט יוסף אמזענבערג.

פון אַ באַגריסונג בריוו פון מ. ראָלין, דער סעקרעטאַר פונם „מענטל־מייקער־יוניאָן", אַז ער הויבט אָן שרייבן אַ סעריע אַרטיקלען פאַר „לשון און לעבן": „יידישע שרייבער, פּערזענלעכקייטן, וואָס זיינען אַדורכגעפאָרן לאָנדאָן.

דער נאָוועליסט זיינוול דיאַמאַנט, וואָס איז לעצטנס שטאַרק באַקאַנט געוואָרן מיט זיין נייעם באַנד נאָוועלן „אונטערן האַקנקרייץ" האָט צוגעשיקט די דאָזיקע באַגריסונג:

אויך פון בריסל אין בעלגיע איז אָנגעקומען אַ באַגריסונגס טעלעגראַם אונטערגעשריבן פון קייזער, ביטלער, מייזעלס און פּרוכט.

מיר באַטראַכטן, אַז די ביידע פייערונגען: אינם בערנאַרד באַראָן סעטעל־מענט און אינם אַרבעטער־רינג זיינען נאָר געווען דער אויפטאַקט אָדער די התחלה פון יובל־פייערונגען פאַר אַ מענטש, וואָס האָט גרויסע פאַרדינסטן אין דער יידישער ליטעראַטור. מיר האָבן עס שטאַרק באַגריסט, ווען פריינט מאָריס קאַץ האָט אונדז מיטגעטיילט, אַז דעם 18-טן מאי וועט דער ליטעראַטן־און־זשורנאַליסטן־פאַראיין פאַראַנשטאַלטן אַ ספּעציעלן נאָכמיטאָק לכבוד א. נ. שטענצל אינם האָטעל „עספּלאַנאַדע" אין וועסט־לאָנדאָן. אויך דאָרט איז געווען אַ ווירדיקע פייערונג אונטער דעם פאָרזיץ פון ש. י. האַרענדאָרף. נאָכן סערווירן טיי מיט איבערביסן האָט מען געהאַלטן רעדעס און רעדעס. אויך דאָרט אַהין זיינען אָנגעקומען באַגריסונגען פון פּראָפעסאָר ס. ראַווידאָוויטש פון לידז, פון בערל לאָקער, און אַנדערע. די באַטייליגונג איז געווען אַ שטאַרקע.

צום סוף פון אונדזער באַריכט ווילן מיר דערמאָנען די באַגריסונג פון אונדזערע פריינט פונם „יידישן קולטור־צענטער" לידז, וואָס איז אָנגעקומען ערב שבועות:

„מיר דער קאָמיטעט פונם לידזער קולטור־צענטער באַגריסן האַרציק פריינט א. נ. שטענצל צו זיין פופציק־יאָריקן יובילעאום, און מיר ווינטשן אים פילע געזונטע יאָרן צו קענען אַרבעטן גייסטיק אויפן קולטור־געביט צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן".

אונטערגעשריבן: יעקב טיילאָר, פאָרזיצער, וואָלף ריפקין, סעקרעטאַר.
מיר שליסן זיך אָן די דאָזיקע גוטע ברכות.

אין נאָמען פון יובל־קאָמיטעט, (געצייכנט) — **א. פּאַלושאַק**

## ידיעות פון דא

די בונדישע טוער פון אַמעריקע עמנואל הערש און מענדעלזאָן האָבן אויף זייער נסיעה צו דער בונדישער קאָנפערענץ אין בעלגיע געוויילט אין לאָנדאָן.

*  *

ד״ר משה פיינשטיין העברעאישער דיכטער און עסייאיסט, דירעקטאָר פון העברעאישן לערער אינסטיטוט הערצליה אין אַמעריקע איז געווען אייניקע טעג אין לאָנדאָן אויף זיין רייזע צו די קעמפּס אין דייטשלאַנד.

*  *

„דאָס ניי יידישטעאַטער" אין לאָנדאָן האָט געמאַכט אַ טור אין בעלגיע און מיט גרויס דערפאָלג אויפגעפירט „שווער צו זיין אַ ייד" און „גאָלדפאַדן חלום".

*  *

דער באַרימטער שוישפילער מאָריס שוואַרץ וועט דעם חודש געבן אין ענגלאַנד אייניקע וואָרט־קאָנצערטן.

*  *

אין דער ווייטשעפּעלער אַרט־גאַלעריע איז אַן אויסשטעלונג „ווייטשעפל אין בילד" פון צייכענונגען און בילדער פון פרוי הענריקעס.

*  *

אין דער גימפּל־גאַלעריע איז אַ בילדער אויסשטעלונג פון די בילדער פון חיים סוטין.

*  *

זונטיק, דעם 8־טן יוני, 4 אַ זייגער בייטאָג קומט פאָר אין וויינאָבאָרנעקאַפע, ווייטשעפּעל 235, די ערשטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון „פריינט פון יידיש לשון.

*  *

מאַרק מאַרקאָוו איז געווען דער גאַסט, דעם 3׳טן מאַי, פון די יידיש ליטעראַריש שבת נאָכמיטאָגס.

*  *

פּראָפעסאָר מאַרטין בובער איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, און ער וועט מסתמא האַלטן אַ סעריע רעפעראַטן.

*  *

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס

(אין בערנאַרד באַראָן־סעטלמענט, 33, בערנער סטריט, א.1 — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 7־טן יוני — רעפעראַט איבער מאָלעריי און פירונג דורך די בילדער־אויסשטעלונג: „ווייטשעפּעל אַמאָל און היינט" פון מאַדאַם הענריקעס אין דער ווייטשעפּעלער אַרט־גאַלעריע.

שבת, דעם 14טן — באַריכט און דיסקוסיע איבער דער ערשטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון „פריינט פון יידיש לשון".

שבת, דעם 21טן וועט שלמה אויערבאַך האַלטן אַ רעפעראַט: די דיכטונג פון חיים נחמן ביאַליק.

שבת, דעם 28טן וועט עזרא סאָסנאָוויטש האַלטן אַ רעפעראַט: די יידישע לאַגע אין דער וועלט און דאָס ארץ־ישראל־פּראָבלעם.




צו דער טראַדיציאָנעלער חומש־סעודה פון דעם חומש־בחור׳ל

**זאב זעליג וואַרשאַווסקי**

ווינטשן

דעם טאַטן און מאַמען, אונזער מיטאַרבעטער

**הרב דוב** און **חנה וואַרשאַווסקי**

ווי אויך דעם זיידן און באָבען

**הרב יהושע** און **רחל שפּעטמאַן**

מזל־טוב! זיי זאָלן זוכה זיין צו מגדל זיין אים לתורה, לחופה ולמעשים טובים, און פיל נחת פון אַלע קינדער

די רעדאַקציע פון „לשון און לעבן"

און „פריינט פון יידיש לשון"

**דער**

**פלאַץ**

**איז**

**רעזערווירט**

דער **„מאָרגען - זשורנאַל"** פון ניו־יאָרק איז די פירענדע יידישע טאָג־צייטונג אין אַמעריקע.

דער **„מאָרגען - זשורנאַל"** איז די איינציקע יידישע צייטונג אין דער וועלט, וואָס האַלט אויס אין לאָנדאָן אַ ספּעציעלן ביוראָ, כדי טעלעגראַפיש צו אינפאָרמירן טאָג־טעגלעך זיינע הונדערטער טויזנטער לעזער וועגן אַלגעמיינע און יידישע געשעענישן אין אייראָפּע.

די **„מאָרגען - זשורנאַל"** לעזער אין לאָנדאָן און אין ענגלאַנד קאָנען באַשטעלן די צייטונג, ווען זיי שיקן צו פאָראויס אַ טשעק אָדער פּאָסטל־אָרדער אויף £4.10.0 פאַר אַ יאָר, אָדער £2.7.6 פאַר זעקס חדשים.

שרייבט דייטלעך אייער נאָמען און אַדרעס (אין בלאָק־שריפט) און שיקט אייער באַשטעלונג אויפן אַדרעס:

*JEWISH MORNING JOURNAL*, Europeon Buraus, 66, Woodland, Golders Green, London, N.W.11.

*Telephone* SPEedwell 7935

יידישער טעאַטער „גרענד פּאַליי", קאָמערשל רויד, א.1

**מאַרק מאַרקאָוו** און **עטאַ טאָפּעל**

טרעטן אויף מיט זייער קינסטלער טרופּע

טעגלעך יעדן אָוונט — 7.30

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

אכטער יאָרגאַנג | יולי 1947 לאָנדאָן | נומער 7 (העפט 90)


## אויף דער וואַך...

1

אין די שווערע מלחמה יאָרן, ווען מיר דאָ זיינען געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט אונזער וויסטן גורל; די יידישע ישובים אין אייראָפּע ווערן פאַרטיליקט, ווערן דערטרונקען אין אייגענעם בלוט, גייען אויף אינם רויך פון ברענענדיקע שייטער־אויוונס, און אונזער ישוב דאָ אין מאַכטלאָזיקייט און אין שרעק פון אייגענער געפאַר מתחלת און שפּעטער אינם טומל פונם פאַרבליפּנדיקן זיג, שטייט מיט אָפּגענומענעם לשון; דעמלט, אין יענע ביטערע רווישנדיקע מלחמה יאָרן און שפּעטער אין די נאָך מלחמה־חדשים, ווען דער קול ענות פון דער יידישער פּאָליטיק האָט זיך גענומען אַלץ איבערשרייען, אפילו דאָס רציחה געשריי פון די רוצחים און דאָס געכאָרכל פון די אויסגעקוילעטע, דעמלט האָבן מיר געלאָזט דאָס יידישע וואָרט ווי ליכט סיגנאַלן אויפלויכטן דאָ אויף די ווינדיקע אינזל־ברעגעס. און איז עס נישט בכח געוועזן גענוג צו דערגרייכן צוראַטעווען, זאָל עס לכל הפּחות זיין אויף די לעשנדיקע וואַסער דאָס נשמה ליכטל: וואָס ציטערט מיט, וואָס צאַנקט מיט.

ווער האָט געדענקט דעמלט אין לאָקאַלע נוצלעכקייט און נויטווענדיקייט פון יידישן וואָרט? אויפן גאַנצן קאָנטינענט ווערט דאָס יידישע שאַפנדיקע וואָרט אויסגעראָטעט צוזאַמען מיטן יידישן לעבן זאָל מען עס דאָ כאָטש באַשיצן מיט די הוילע הענט אונזערע, דעם צאַנקענדיקן נר־תמיד, אַז ס'זאָל נישט דערווייל אינגאַנצן פאַרלאָשן ווערן. עס איז נישט געגאַנגען מער אין אַ קיבוץ, — אין דעם ביסעלע אָרעמקייט דאָ! — עס איז געגאַנגען אין אונזער גרויסער קולטור־ירושה!

און אַז עס איז געוועזן בלויז עמך־יידן אין ווייטשעפּל, די האָראָפּאַשנע מענער און פרויען פון די יידישע געסלעך דאָ, וואָס האָבן זיך אַרומגעשטעלט און פאַרשטעלט מיט זייערע ברייטע פּלעצעס אַז דאָס פלעמל זאָל זיך נישט אויסלעשן — — — אַז זייערע אויגן זיינען דאָס געוועזן, וואָס האָבן זיך אָנגעצונדן און געלויכטן בשעת מ'האָט פּרשה־וויז יעדן שבת געליינט מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ, זיינען עס זיי דאָך אויך נאָך, וואָס אין זייער זכות ווערט די תורה נאָך ווייטער געליינט פּרשה־וויז מדי שבת לשבת — אָ, „מי כעמך ישראל גוי קדוש"!

מ'דערציילט יעצט, ווי אין די געטאָס, ווי אין די פאַרטיליקונגס לאַגערס האָבן יידן נאָך אין די לעצטע מינוטן פון זייערע לעבנס זיך צוגעהערט צום